START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Permalife
25% COTTON CONTENT

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1882.1

Richter, Moses.
R' Hertsele meyukhes, oder, Yekele bal-agole: - lebens-bild in 4 akten mit epilog un 8 bilder
Lemberg, [1903].

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1882,1

Richter, Moses, 1874-1939.
R' Hertsele meyukhes, oder, Yekele bal-agole: lebens-bild in 4 akten mit epilog un 8 bilder /fun Mosheh Rikhòter ; Muzik fon Yarahovski oys Nevyork.
Lemberg :Ferlag fon Munk et Roth, 663 [1903].
57 p.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Yarahovski. II. Ukraine-Lviv

ID: NXYH04-B3553 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106209a

Reduction ratio X 10.0

ר' הערצעלע מיוחס

אדער

יעקעלע בעל־עגלה

לעבענסבילד אין 4 אקטען מיט עפילאג אונ 8 בילדער

פאן

מ״ה ניכטער אין לעמבערג.

פערלאג פאן מונק עט ראטה, בוכהאנדלונג אין לעמבערג.

פארגורזע תרס"ג

דרוק פאן ש. ל. דייטשער.

ר' הערצעלע מיוחס

אדער

יעקעלע בעל־עגלה.

לעבענסבילד אין 4 אקטען מיט עפילאג אונ 8 בילדער

פאן

משה ריכטער

אין לעמבערג.

מוזיק פאן יאראהאווסקי אויס נעוויארק.

(ארט דער האנדלונג גאליציען).

פאדגארזע תרס"ג

פערלאג פאן מונק עט ראטה, בוכהאנדלונג, לעמבערג.

דרוק פאן ש. ל. דייטשער.

REB HERZELE MEJICHES

Verlag von Munk & Roth, Buchhandlung, Lemberg.

Druck von S. L. Deutscher, Podgórze.

1903.

אין אונזערע בוכהאנדלונג זינד פֿארראַטהיג דיעזע **טהעאטער טעקסטע**

אַ 60 העללער.

אֶסתרקע; אריאל אַקוסטו; בלימעלע אָדער דיא פערלע פאָן ווארשויא; בוסתנאי; בר כבבא; דיא באבע מיט דעם איניקעל; דיאביידען קונע לעמעל; דאָקטאָר אַלמעסאַדע; דוד אין דער וויסטע; הערצעלע מיוחס; יוליום צעזאר; דער יודישער פריץ; דיא כשוף מאכערין; לא תחמוד; מכירת יוסף (2 טהיילע); מליץ יושר ר' יאָזעלמאַן; משיח'ס צייטען; סערקעלע אדער דיא פאלשע יאהרצייט; עקדת יצחק; קאָקעטען דאמען; קבצנזאהן אונ הונגערמאן; קעניג אחשורוש; שולמית; זשידאווקא; דיא שפאנישע אינקוויזיציאָן.

	K. h.
דיא טאקסע (אַבראמאָוויטץ)	1.—
דער פריזיוו (אבראמאָוויטץ)	1.—
קעניג הורדוס (דר. לאנדויא)	1.—
שמענדריג מיט דיא כלה	—.30
דיא יודען	—.30
עתליהו אדער די קרענונג פון קעניג יואש	—.40

דעמנעכסט ערשיינען דיעזע טעקסטע:

דוד'ס פידעלע; דיא איינגעמויערטע פרויא, בריינדל קאזאק; ניע-בע ניע-מע ניע-קוקעריקו; משה חיים אלס געמיינדעראטה; אויך דאס בעריהמטע היסטארישע ווערק „חרם דרבינו גרשם".

Munk & Roth, Buchhandlung in Lemberg, Kasimirgasse Nr. 16.

האכגעעהרטע לעזער!

איין הקדמה איז שוין היינט נישט מאדערען. איבערהויפט אויף א זשארגאן ווערק. דען וואס איז דען דיא גאנצע הקדמה? דיא גאנצע הקדמה איז נאר צוליעב א רב וואס מען וויל ער זאל אויף דעם חיבור געבען איין הסכמה, — אונ איין הסכמה אויף מיין הערצעלע מיוחס — דארף איך נישט פונ'ם רב. אונ דאס פובליקום האט מיר שוין לענגסט זייער הסכמה געגעבען. דען וויא א טהעאטער דירעקטאר האט נאר מיין הערצעלע מיוחס געשפיעלט האבען זייא ביי זייער קאסע גע־שפירט די הסכמה — נאר אזוי וויא איהר געעהרטע לעזער האבען שוין מיין ווערק דורכגעלעזען אונ אפשר איז נאך אייך נישט בעקאנט אז איך דערזעלבער בין דער פערפאסער פון „משה חיים אלם געמיינדעראטה“, אונ דעם זומער האב איך עס צום ערשטען מאל אויפגעפיהרט אויף דער יודישער לעמבערגער ביהנע ביים גע־עהרטען העהר דירעקטאר י. ב. גימפעל. אונ גראדע צום ערשטען מאל שפיעלען האב איך דיא עהרע געהאט צו האבען אלס גאסט דעם האכוואהלגעבארענען דעצענזאר פון גרויס חעלים. אונ צוליעב איהם נעם איך מיר אביסעל צייט חאטשי עס איז אפילו נישט כדאי זיך מיט איהם דיא צייט צו פארברענגען. נאר עס איז גראדע היינט ערב יום כפור, שטעה איך אונ קלער צו וועמען נעמט מען זיך, לאז זיין צום חעלימער קריטיקער * * דער געעהרטער העהר קריטיקער שרייבט זיך זיין פעלימאן אין יודישען וואכענבלאט, ערשיינט יעדען פרייטאג אין סטאניסלוי (דאכט זיך מיר אז דאס בלעטעלע איז שוין נפטר בשם טוב) מיט א טיטעל „דאס

לעמבערגער יודישע ברעטעלי — גיט זיך א רעצענזאר פון גרוים חעלים א צעלאז
מיט אזא לשון: ראשית געהט ער פארשטעלען דעם פערפאסער כדרך כל הרענ־
צענזענטען — אז מען וויל קריטיזירען א שטיק מוז מען בעשרייבען דעם פער־
פאסערס צורה אונ מלבושים וויא אין א רייזעפאס — א שווארצער פראס מיט
גאנצע הויזען. איהר זענט גערעכט גנעדיגער הערר קריטיקער. איין עולה, וויא קומט
עס עפים צו א יודישען פערפאסער גאנצע הויזען? פארענטפער איך מיך פאר אייך,
אז דיא גאנצע הויזען זענען נישט פון מיין דיכטעריא, נאר איך האב נאך א מסחר,
איך האנדעל מיט אזעלכע וואס איהר זענט *). דאן דיא קריטיק איבער דעם שטיס—
א שטיק מיט געזאנג אונ טאנץ מיט'ן בעליעבטען קאמיקער — אה דאס איז ער
אפשר גערעכט דער הערר פון גרוים חעלים. נאך וואס טויג דער קאמיקער? דאס
פובליקום זאל לאכען? דאס איז נישט נייטיג, אדרבא ווייזט איהר מיר הערר
קריטיקער א פינץ אונ ברענגט א גוט ווערק, א גוטע טראגעדיע — אונ לאזט דעם
קאמיקער שלאפען אין דער היים, אונ דא זאל שפיעלען אייערס א בעריהמט
מייסטער ווערק, אלא שעקספיער — דאכט זיך מיר אז איהר אליין אלס פערפאסער
וואלט ארום געלאפען צווישען פובליקום אונ געשריגען מיינע ליעבע מענשען
זיצט נאך, ווארטט אויס דער פיערטער אקט איז וואס ערהאבען, וויא דער ליעב־
האבער קומט אונ טרעפט זיין כלה דערפרוירען אין שנעע וואס ער האט זיא גע־
הייסען ווארטען. אונ ער פאר צער חאפט ארוים א רעוואלווער אונ דערשיסט זיך.
אונ וויא זיין טאטע דערהערט דעם שאס לויפט ער ארוים זעהען וואס איז געשעהן
טרעפט ער זייא ביידע טויט, אונ ווייסט אז דורך זיין עקשנות איז דאס געקומען.
טרעפט איהם דער שלאג נעבען זיי. ברענגט מען זיי אלע דריי אריין דען טוידט אי
שטוב אריין, — דערפון ווערט געוואהר דער כלה'ס טאטע אונ קומט אין גרוים
פערצווייפלונג אהער צו לויפען אונ דערזעהט דיא גאנצע חתונה, ווערט ער אויפ'ן
ארט משוגע אונ חאפט דעם חתן'ס מאמע וואס זיא זיצט אונ בעקלאגט געבאך

*) דער מחבר איז איין אקסען־סוחר אויך.

דיא קרבנות, סומט מחותנת'טע טאנצען אויף אונזערע קינדערס חתונה. — וואלט
איהר אלס פערפאסער געחאפט פון אונזער ליעבען פובליקום אז משוגע זאלט איהר
ווערען, פלוצים איך בין א יוד אונ וויל נאך דער גאנצער וואך אבהארעווען פון
יגון ואנחה אביסעל מיך געהן אונטערהאלטען ברענגט ער מיר 4 טויטע מיט
משוגענע מיט אל מלא רחמים'ס אויף דער פילער וואך. אז איין אל מלא רחמיב
זאל מען אייך שוין מאכען, אז איך געה אין טעאטער אריין זאגט משה מיט דעו
משה'כע, וויל איך לאכען, אונ צום וויינען האב איך גענוג אין דער היים תחינות
מיט רבונו של עולם'ס אונ בתי מדרשים מיט שוהלען גענוג. הכלל פערשטעהט
איהר מיך הערר קריטיקער מוז מען דעם בעליעבטען קאמיקער מיט געזאנג אונ
טאנץ האבען. אונ געגען אייער קריטיק הערר חעלימער קריטיקער, וואס פלוצים
געהט א רב מתיר זיין איין עגונה ווייל דער פערפאסער הייסט איהם, מוז איך אייך
זאגען אז איהר זענט אין דיא קליינע אותיות שטומפיג אין דער עברי, דאס הייסט
פראסט אויף יודיש א גראבער יונג. געהט נאך אמאל צום שטיק נאר נעמט אייך
מיט א קענער, וועט ער אייך זאגען, אז איינער פאהרט אויף א שיף אונ ווערט
אויף דער שיף קראנק אונ שטארבט אויף דער שיף, אונ דער שיפס־קאפיטאן
גיט ארויס א צייגניס מיט איין אויסצוג דער שיפס־ליסטע אז ער איז גע־
שטארבען, בלייבט דאס ווייב פון דעם נפטר נישט קיין עגונה. דען לויט נאך
אייער גראבען־יונגעשען מיינונג, וויא איהר האט מיך פערשטאנען, אז ביא אזא
פאל זאל דיא אלמנה בלייבען איין עגונה, וואלטען אונזערע חכמים געוועזען
געמאכט א תיקון אז ווער עס פאהרט אויף א שיף מעבר לים דארף איבערלאזען
דעם ווייב א תנאי גט ווייל מאמער שטארבט ער כמות כל אדם זאל דאס ווייב
נישט בלייבען איין עגונת — אונ ווייטער געגען אייערע רעשט פלוישערייען
ארט מיך שוין נישט, ווארען איהר זענט דאך א ודאי אויך א יוד, אונ א יעדער יוד
קאן בעסער. אדרבא ברענגט עפים נוטס לפי אייער שכל א גוט שטיק אהן דעם
קאמיקער אונ צייגט עפים לפי אייער שכל דעם פובליקום נייעס, וועל איך אייך
שרייבען אין אלע בלעטער איין ערקלערונג חטאתי עויתי ופשעתי מיט'ן קאמיקער,

קומט זעהט א שטיק פון דעם „חעלימער רעצענזאר" אהן דעם קאמיקער, אונ עס שפיעלט שוין היינט צום דריטען מאל מיט איין אויספערקויפטעס הויז. איך אז איך שרייב בערעכען איך דאס פובליקום, אונ בין גישט קיין חיוב צו זיין א נביא אז עס איז דא א חעלימער חכם אין טעאטער מיט א קאפ פון לויטער חעלים.

דער פערפאסער.

פערזאנען.

ר' הערצעלע מיהלשטיין — איין רייכער האלצהענדלער.
רייזעלע — זיינע פרויא.
איזיקעל — זייער זאהן.
רבקה'לע — זיינע פרויא.
הערשעלע — זייער זאהן (קינד).
חיים יואל — זייער דיענער.
חוה לאה — איינע דיענסט שפעטער זיינע פרויא.
יעקעלע — איין בעל-עגלה.
טאבעלע — זיינע טאכטער.
ליבקע — איהרע שטיעפטאכטער.
מיכל — איין שדכן.
מענדעל — איין יוד.

יודען, ווייבער, סדר נעסט.

(צווישען 3-טען אונד 4 אקט איזט איין צייטרוים פון 8 יאהרע).

(ארט דער האנדלונג גאליציען).

I. אקט

(בייא יעקעלע איין ארם צימער, איין אפען, איין געשיער שראנק, סאמאוואר האמעט)

(ליבקע שטעהט אונ בלאזט אין סאמאוואר).

ליבקע: פו פו פו. אוי א מאן מיט א טעבטעריל האב איך מיר משטיינס געזאגט. (בלאזט פו פו פו) זיא טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער נאר שטריקען אונ דרעהען אונ שטעפען אונ נעהען. (בלאזט פו פו) א מויד זאל נישט וויסען מען דארף א סאמאוואר אויפשטעלען אונ נאך עפים צו טהון אין שטוב, אבי זיא ווייסט... (בלאזט פו פו) נאר לאמיך נישט רעדען, איהר פאטער גלויבט זיך נישט אז איך זאג איהם, זאלסט וויסען יעקעל אז דיא מויד געפעלט מיר נישט, זאגט ער מיר רעד נישט ווארום מען וועט זאגען אז דוא ביזט א שטיעפמאמע, נוא אונ אז איך בין א שטיעפמאמע? אונ איך זעה אז איזיקעל קומט אריין ווערט זיא רויט, פערפלאמט אונ ווייסט שוין ניט וואס זיא נעהט אונ וואס זיא שטריקט, נאר לאמיך נישט רעדען (בלאזט פו פו פו) קען מען רעדן זאגען איזיקעל קום נישט? אז זייא זענען אונזער גאנצע שטיצע, אונזער פרנסה, אונ ווייטער טראכט איך מיר... איבריגענס לאמיך נישט רעדען, (בלאזט פו פו) לאז זיא זיך פערדרעהען דעם קאפף, א פרעמד שווארץ יאהר...

(אויפטריט חוה לאה)

ליבקע: חאפט דיך דער רוח. (צו איהר מיט דיא הענד)

חוה לאה: ווענען מיך? פאר וואס?

ליבקע: ניין נישט דיך, נאר לאמיך נישט רעדען.

חוה לאה: זעה נאר דוא שטעלסט אויף דעם סאמאוואר פאר וואס נישט דעם קליינעם? — ליבקע א יא מיר האבען ביידע איין קוק, איך וויים פאר וואס דוא ווילסט נישט רעדען, איך אליין וויל אוך נישט רעדען, רעדען מיר ביידע נישט. איך וועל בעסער ארויסשטעלען דעם סאמאוואר וועט ער זיך בעסער צו זשארען. (אב מיט'ן סאמאוואר)

(אויפטריט טאבעלע מיט ארבייט)

ליבקע: גוט מארגען פריילין, שטיקען און רעהען שטעפען און נעהען דאס וועסט דוא נישט פערשפעטיגען, א מויד זאל ניט וויסען א סאמאוואר אויפצושטעלען, א שטוב אויסצוקעהרען.

טאבערלע: און וואס טהוט דען חאנטשאלע? זיא געהט דאך באמת ארום לעדיג, נישט קיין ארבייט אין שטוב, און נישט קיין ארבייט צו העלפען דעם טאטען צו דער פרנסה.

ליבקע: וואס? מיין חאנטשאלע זאל ארבייטען, צו העלפען דיין טאטען צו דער פרנסה? ווער איז דאס עפים חאנטשאלע, דוא פערגעסט אז זיא איז מיין קינד, איז נאך ווענינ וואס איך האב צו טהון זאל זיא נאך אויך ארבייטען? דאס וועסט דוא ביי מיר נישט דערלעבען!

טאבערלע: א ודאי אז מען האט א מאמע זיא זאל קענען זאגען מיין קינד א ודאי איז בעסער.

ליבקע: זאג נאר פריילאך ווילסט דיך שוין מיט מיר אויסטענה'ן? (מען הערט יעקעלע מיט דיא פערד) אט געהט שוין דער טאטע דיינער וועל איך מיך שוין מיט איהם אויסטענה'ן.

(אויפטריט יעקעל)

יעקעל: ברררר. אוי איז היינט א פראסט אז ער ברעכט ביינער! נאך א גליק וואס מען דארף היינט ביי נאכט נישט פאהרען מיט געהילץ צום וואסער, ערשט מאנטאג. ראשית איז היינט גוט קאלט, והשנית דארף מען היינט זיין ביי א אייזיקעל אויף דיא תנאים. מען וועט א ודאי דארט אויף זיין דיא גאנצע נאכט... ליבקע! ר' הערצעלע מיט רייזעלע האבען אונז געלאזט בעטען אויף דיא תנאים. טרעף וואס איך האב זיא געזאגט? אז זיא זאלען דיך שיקען עקסטרע בעטען, וועלען זייא שיקען איז גוט, אז נישט וועל איך אליין געהן און דוא וועסט בלייבען אין דער היים.

ליבקע: ניין נישט אזוי, וועלען זייא מיך שיקען עקסטרע בעטען וועלען מיר ביידע געהן, אז נישט וועסט דוא געהן און איך וועל אויך געהן, וואס הייסט איך וועל נישט זיין ביי א אייזיקעל אויף דיא תנאים? און ווען מען וואלט מיך 10 מאל ארויס. קום איך דען דאס עלפטע מאל

נישט אריין? איך וועל נישט זיין ביי א אייזיקעל אויף דיא תנאים.

(קוקט פעסט אויף טאבעלע).

טאבערלע: טאטעניוא וועסט דוא טרינקען טהעע?

יעקעל: טהעע? יא גיס אן, נאר מיט מילעך.

טאבערלע: זעהסט דוא טאטע לעבען וואס א זיווג איז, פון ווען אן מען רעדט אייזיקלען דעם שידוך מיט'ן רב'ס טאכטער און וויא פיעל מאל עס האט שוין געוואלט צו נישט ווערען און דאך איז היינט תנאים.

(גיט איהם טהעע).

ליבקע: און דוא געה נישט אוועק ווייל איך וויל זאלסט מיך פערקעמען אויף אייזיקעלם תנאים.

טאבעלע: אוי.... (אב)

ליבקע: נוא מיין הארצעדיקער מאן, א יא דוא שרייסט רעד נישט, נוא ווער איז גערעכט? דוא האסט געהערט דעם אוי? דוא זאלסט געווען הערען וויא זיא האט מיר דא געגעבען, ווייסט יעקעל וואס זיא האט מיר געזאגט? פאר וואס מיי'ן חאנטשאלע ארבייט נישט?

יעקעל: טהו מיר צוליעב ליבקע לאז זיין שטיל, מאך מיר נישט קיין פולע וואך און קיין לייטיש געלעבטער, דען וואס וועט דיא וועלט זאגען? א שטיעפמאמע.

ליבקע: יא א שטיעפמאמע, אז נישט געבוירען האט געוואלט ווערען דער וואס האט אויסגעטראכט אז א שטיעפמאמע איז שלעכט, און וואס דיא שטיעפקינדער טהון מוז מען שווייגען, ווייל מען מוז דאך מורא האבען דיא וועלט וועט זאגען א שטיעפמאמע. נאר ניין! איך וועל דערפאר נישט מורא האבען, איך וויל עס זאל נעהמען איין עק, איך וויל דוא זאלסט מיט איהר מאכען א סוף.

יעקעל: אוי ליבקע, ליבקע! ווען וועסט דוא שוין אביסעל געזעצטער ווערען? נישט אזוי מיט'ן קידער וויעדער, גיב נאר א קוק דוא האסט מיך שוין גרויא און אלט געמאכט, אוי דער שלמה המלך, דער שלמה המלך, דער איז נאר קיין מענש ניט געווען נאר טאקי א גרויסער חכם און א שטארקער גבור, אז ער האט געקענט אויס-האלטען פון טויזענד ווייבער און צווישען זייא איז נישט געווען איינע א רעכטע.

ליבקע: איך זאג דיר איך וויל דיין מוסר ניט הערען און מיין קינד וועט ניט ליידען אזוי שווער און ביטער דורך דיין פאנע. מאך איך מיין קינד א קליידעל, וויל דיין אוצר אויך. קויף איך מיין האנטשאלע א פאר שיך וויל דיין גדולה אויך. איך וויל דוא זאלסט מיר זאגען איין מאל פאר אלע מאל, ווען וועסט דוא זיא שוין אוועק שיקען דיענען צו אלדע שווארצע יאהר.

יעקעל: נו וואס זשע זאל איך טהון אז קיין געלד האב איך ניט איך זאל איהר קענען חתונה מאכען, און איין איינציג קינד אוועק שיקען דיענען אין דער פרעמד?...

ליבקע: יא דיענען שיק זיא, זיא איז א געזונטע מויד איין אייזערנע!... (גלעט איהם) יעקעלע לעבען, הארץ לעבען, דוא וועסט זעהן וויא געטריא איך וועל דיר זיין, איך וועל דיר קריכען דורך דיא נעגעל, איך וועל קיין הויך ווארט נישט רעדען, אבי טרייב ארויס דיא שפין פון מיינע אויגען וועסט דוא זעהן קרוין מיינע מיר וועלען זיך לעבען שטיל און רוהיג מיט מיין קינד, ווער וועט אונז דען דערקיטשען, וועל איך מיין קינד עפיס מאכען וועלען מיר ניט הערען קיין קולות און געוואלדעס. מיר אויך, פאר וואס מיר נישט? מיר וועלען פשוט ניט זעהען קיין טרעהר ביא אונז אין שטוב.

יעקעל: ביזט טאקע גערעכט מיין געטרייא ווייב, נאר טאמער וואלט מעגליך געווען אז דיין קינד זאל געהן דיענען און מיר ביידע וועלען דא בלייבען מיט מיין קינד, דוא וועסט זעהן קרוין מיינע (גלעט זיא) וויא מיר וועלען זיך לעבען שטיל און רוהיג מיט מיין קינד דען ווער וועט אונז דען דערקיטשען? וועל איך מיין קינד עפיס מאכען אדער קויפען וועלען מיר נישט הערען קיין קללות און געוואלדעס מיר אויך, פאר וואס מיר נישט? מיר וועלען פשוט נישט זעהען קיין טרעהר אין אונזער שטוב.

ליבקע: יעקעל ברענג מיך ניט אין כעס, און זיא זאלסט דוא ארויסיאגען צו אלדע רוחות.

יעקעל: איך זאל מיין קינד ארויסיאגען? איך זאל הארעוועןן שווער און ביטער פון דיינעט וועגען און נאך וועגען איין פרעמד שווארץ יאהר? איך זאל ארויסיאגען מיין איינציג שטיקעל אוצר וואס איז מיר צוריק

געבליבען פון מיין אמת געטרייא הינדעלע און אייך זאל איך נאך האלטען א קרובה אויך? איז ווייניג וואס זיא פלאגט זיך אזוי שווער און ביטער ביא איהר ארבייט און וואס זיא פערדיענט נעהמסט דוא ביא איהר צו, ווילסט דוא נאך איך זאל זיא שיקען דיענען? יא ווייסט דוא ווען זיא וועט געהן דיענען, ווען איהר טאטע וועט ליעגען איה״ה דארט וויא איהר מאמע ליעגט, אבער כל זמן איך לעב וועל איך הארעווען שווער און ביטער און אויסהאלטען מיין קינד!

ליבקע: וואס האסט דוא דיך אזוי צו יאכמעט? מען קען דאך מיינען אז איך בין א פאר׳ן פעקעליק קינד און איך קען דיר גאר נישט ענט-פערען? נאר נישט איצט איז דיא צייט זיך אויסצוטענה׳ן, איך וועל שוין מיין הארץ אויסלאזען צו איהר צו דיין גדולה, און דיר זאג איך אז דוא וועסט זיא נישט אוועק שיקען געזונדערהייט וועסט דוא זיא אוועק שיקען א הורג. (קלאפט אין טיש אב)

יעקעל: א הורג, א הורג! אוי הינדעלע, הינדעלע, דוא ביזט דיר אבגע-שטארבען, ברוך דיין אמת, מיר צוגעווארפען דעם קלאפאט נו האלט דיך יעקעל, דוא ווייסט גאר נישט וויא ביטער עס איז דיין איינציג צווייגעלע און דיין געטרייען מאן, העי מתים ווייסען דאך יא עפיס, און דוא ווייסט דאך יא וויא ביטער עס איז מיר, — אה איך וויים, ביזט א ודאי ביין אויף מיר וואס איך האב צום צווייטען מאל חתונה גע-האט? נא וואס האב איך געוואלט טהון? נישט געוואלט חתונה האבען? אז דוא האסט מיך איבערגעלאזט איינעם אליין מיט א קליין קינד, ווער האט מיר געוואלט אבקאכען א ביסעל אנבייסען איידער איך פאהר ארויס אין וועג אריין? צי ווער האט מיר געוואלט אנגרייטען א ביסעל ווארעמס, א ביסעל וועטשערע ווען איך קום צוריק פון דעם וועג, מיעד, פערפרוירען, אויסגעווייגט און צערבראכען. אי איך האב נישט געטראפען? דאס איז א הימעלזאך, און אין הימעל ביזטו דאך געווען פריהער פון מיר, פאר וואסזשע ביזט דוא נישט געקומען צו לויפען צו מיר מיט א געשרייא, יעקעל מיין געטרייער מאן ס׳איז נישט פאר דיר? נור ניין דוא ביזט ניט שולדיג, ווייל דער ערשטער זיווג איז מן השמים, און דער צווייטער איז נאך דעם מענשענס גוטע מעשים טובים, און אז איך האב נישט קיין מעשים טובים דאס וויים איך דאך,

וואָרען איך בין דאָך אַ בעל עגלה, און איז ביטער צו זיין אַ בעל עגלה.

(אויפטריט חיים יואל)

חיים יואל: אַ גוטע וואָך ר׳ יעקעלע! ר׳ הערצעלע מיט רייזעלען האָבען אייך מיט ליבקען מיט טאַבעלען מיט חוה לאה׳ן מיט׳ן נאַנצען בני בית געלאָזט בעטען אויף דיא תנאים. אייזיקעל ווערט אַ חתן, אייזיקעל ווערט אַ חתן. (טאַנצט)

יעקעל: אַ דיר אַ שענעם דאַנק, געה זאָג איך קום באַלד, איך געה מיך נאָר איבערטהון דיא שבת׳דיגע בעקעשע מיט׳ן יום-טוב׳דיגען קאַפּאַלאַטש.

חיים יואל: וויא איז ערגיץ ליבקע? טאַבעלע? חוה לאה? ווייל מען האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל יעדען מכבד זיין מיט איין עקסטערען כבוד און יעדען עקסטער בעטען.

(אויפטריט חוה לאה פּערפּוצט)

יעקעל: אָט קומט חוה לאה, און איך געה מיך איבערטהון און קום באַלד. (אַב)

חיים יואל: אוי חוה לאה וואָס האָסט דוא דיך עפּיס אַזוי פּערפּוצט?

חוה לאה: וואָס הייסט ס׳איז דאָך היינט אייזיקעלס תנאים, געהען מיר היינט אויף דיא תנאים.

חיים יואל: אמת, אמת. אייזיקעל ווערט אַ חתן, אייזיקעל ווערט אַ חתן. (טאַנצט).

חוה לאה: וואָס איז אויף דיר דיא גדולה חיים יואל, וואָס פרעהסט דוא דיך אַזוי?

חיים יואל: וואָס פערשטעהסט דוא ניט? אַז מען פרעהט זיך אויף יענעמס שמחה העלפט גאָט אַז מען דערלעבט זיך צו פרעהען אויף איינענע שמחות.

חוה לאה: ס׳איז נישט אמת. איך האָב שוין ניט אַזוי פיעל האָר אין קאָפּ וויא פיעל מאָל איך האָב שוין געטאַנצט אויף פרעמדע חתונות און אויף מיין איינענער האָב איך נאָך נישט דערלעבט צו טאַנצען.

חיים יואל: ווייסט נישט פאַר וואָס חוה לאה, האָסט דאָך געמוזט וואַרטען אויף מיך.

חוה לאה: וואָס זשע חיים יואל דוא ווילסט אויך חתונה האָבען?

חיים יואל: איך וויל שוין אפשר פון 3 וואָכען.

חוה לאה: נוא וועלען מיר אַזוי טהון, וועלען מיר איבער אַכט טאָג שבת מאַכען דאָס אויפרופעכץ, און ראש חודש וועט זיין דיא חתונה ווייל 14 טאָג אין חודש האָט פעסעלע חתונה וויל זיא אַז מיר ביידע זאָלען נעהמען אונטערפיהרעכץ.

חיים יואל: גוט מיר האָבען חתונה, נאָר איין זאַך האָב איך נאָך נעטהיג צו וויסען איידער מיר האָבען חתונה, אַ שטייגער אַז מיר ביידע וועלען אי״ה האָבען אַ קינד, נאָך וועמען וועלען מיר עס אַ נאָמען געבען?

חוה לאה: וואָס הייסט? נאָך מיין טאַטען אָדער נאָך מיין מאַמען.

חיים יואל: אוים חתונה! איך וויל נאָך מיין טאַטען אָדער נאָך מיין מאַמען.

חוה לאה: וויל איך נישט.

חיים יואל: איז אוים חתונה.

חוה לאה: אוים חתונה איז אוים חתונה. (וויל אַב)

חיים יואל: שטעה וואַרט אוים, ווייסט דוא וואָס לאָמיר מאַכען אַ שותפות געשעפט, לאָמיר אַ נאָמען געבען נאָך ביידע, וויא אַזוי האָט געהייסען דיין טאַטע, מיינער האָט געהייסען... משה.

חוה לאה: מיינער האָט געהייסען (קלערט) שמואל!

חיים יואל: ביז זיא האָט אַרויסגעקוועטשט דעם שמואל — וואוהל וויא דיא וועלט הער זשע אוים מען וועט געבען אַ רוף אויף שבת צו דער תורה יעמוד ר׳ משה שמואל בן מורנו ר׳ חיים יואל וואוהל! אַ קליי-ניגקייט אַזעלכע פיער חכמה׳דיגע נעמען משה, שמואל, חיים, יואל.

חוה לאה: חיים יואל ווייסט וואָס איך האָב?

חיים יואל: וואָס דען איך וויים ניט, אַ וודאי אַרבים?

חוה לאה: אַ פולען טאָפּ!

חיים יואל: געפּראָזשעטען? פאַר אַרבים גיב איך אַוועק דעם טאַטען מיט דער מאַמען, איך געדענק ווען מיין מאַמע האָט נאָך מיט מיר עליו השלום געטראָגען, האָט זיא אַמאָל שבת נאָך דעם קינגעל געלייענט אין צאינה וראינה אַ מעשה פון דעם פעטער עשו וויא ער

האט פערקויפט זיין בכורה פאר א טאפ ארבים, איך האב מיך
דאמאלם פערקוקט אויף איהם אונ בין וויקאפאנע דער פעטער עשו.

חוה לאה: הכלל האבען מירביידע חתונה, מארגען וועלען אונזערע
בעלי בתים זיין שמחה'דיג לאמיר זיך פאר זייא אויסגעבען אונ זייא
וועלען אונז חתונה מאכען אין א גוטער שעה.

חיים יואל: יא מיר האבען חתונה, אגער דעם פסוק?

חוה לאה: וואס ושע דוא קענסט נישט דעם פסוק.

חיים יואל: יא איך קען איהם אבער איך מיין אויב דוא האסט נאר דעם
פסוק ווייל דורך דעם פסוק געשעהען א סך זאכען.

חוה לאה: יא יא איך וויים!

№ 1

[אין אמעריקא זינגט מען דעם פסוק אין א פיעססע „דיא יורען אין מאראקא"].

אין חדר געלערענט האט דער רבי דאס קינד
דעם פסוק לא תגנוב געדענק,
דאס יונגעלע האט פערגעסען דיא טייטש געשווינד
אונ האט בעקומען דיא לעפקע קרענק.
דיא קרענק האט איהם אבער געשמעקט ועהר נוט
פון דעם אנהויב אבער נישט ביז צו לעצט,
געחאפט האט מען איהם ביא עפים וואס ניט
אונ אויף 10 יאהר איהם אריין געזעצט.

דער רבי דערזעהט איהם אין קערקער, אה וואס איז דאס שמואליק?
וויא קומסט דוא עפים אהער? אוי רבי ענטפערט ער, איך בין ניט
שולדיג, איך וויים אלע גנבים זענען ניט שולדיג, ווייסט דוא ווער עם
איז שולדיג?

אין דעם איז נאר שולדיג [דער פסוק] (3 מאל)
לעהרען יונגעלע מיט חשק,
אין דעם איז נאר שולדיג [דער פסוק] איהר זעהט
אז מען טהוט ניט וויא אין דעם פסוק שטעהט.

בן שמונה עשרה לחופה אין דעם חדר
האט ער געלערענט אונ פערגעסען דיא טייטש,

ביז 30 יאהר געהיכעט האט ער כסדר
אונ א בחור איז נאך דער יונגאטש.
מיט א פנים פול קנייטשען, אין מויל נישט קיין ציין,
א ליסע קאפף אונ דיא פים פערדרעהט,
דער כלה קען 3 מאל דער אפעטיט פערגעהן
ווען זיא אזא חתן דערזעהט.

דער רבי דערזעהט איהם, אה איציקעל ווער האט עם דיך אזוי שעהן
געמאכט? אוי רבי זאגט ער, איך בין אין דעם גאר ניט שולדיג, דעם
ליסע קאפ האב איך בעקומען פון צו פיעל לערנען, דיא פים זענען
מיר פערדרעהט געווארען פון א פערקיהלעניש אונ דיא ציין זענען
מיר גלאט אזוי ארויסגעפאלען. דערצעהל עם דיין באבען, נישט דאס
לערנען איז שולדיג, נישט דאס פערקיהלעניש, ווייסט דוא ווער עם
איז אין דעם שולדיג?

אין דעם איז נאר שולדיג דער פסוק. א. ז. וו.

לא תחמוד נישט גליסטען מיט א געוואלד
ניט דער רבי דעם קינד צו פערשטעהן,
קוים ווערט נאר דאס יונגעל 18 יאהר אלט
טייטשט ער דעם פסוק גאנץ אנדערש אליין.
דעם חבר'ם ווייב האט ער קאמפלימענטע געמאכט
ביז דער חבר האט איהם דערטאפט,
באלד האט ער איהם א פאר בלויע אויגען געמאכט
אונ דאס פנים, דיא נאז גוט צעקלאפט.

דער רבי בעגעגענט איהם אין דער גאס, אה ווער האט דיך אזוי
צעהרג'עט? קוק דיך אן א פנים דוא האסט. דאס האט מיך מיין חבר
צעקלאפט אומזיסט אונ אומנישט, איך בין דא גאר ניט שולדיג. אוי
דוא נאר איך וויים אז נישט דוא אונ נישט דיין חבר איז שולדיג,
ווייסט דוא אבער ווער עם איז יא שולדיג?

אין דעם איז נאר שולדיג דער פסוק. א. ז. וו.

איין אלטיטשקער האט שטארק נאך דעם פסוק געשטרעבט
הרי את מקודשת לי,
4 ווייבער האט ער שוין לאנג איבערגעלעבט
און נעהמט דיא פיפטע נאך א מיידעל דערצו.
דאס מיידעל האט דעם אלטען שטארק אויסגעבראכט
מיט א יונגען-מאן צוגעלעבט א וועלט,
פלוצים איז זיא נאר אנטלאפען ביי נאכט
און פערנעהמען זיין לעצט ביסעל געלד.

דער אלטיטשקער שטעהט נעביך אויף גאנץ פריה, און גיט א קוק אוי א וועהטיג האט איהם געטראפען ניטא וואבא, ניטא געלדא, ער לויפט נעביך אריבער מיט א געשרייא צום רבי'ן, רבי אזוי און אזוי האט מיר פאסירט און שולדיג איז דא קיינער ניט, וויא נאר ער און זיא, און זיא און ער. געה שוין דוא אלטער ראקעגפרעסער, ער איז ניט שולדיג, זיא איז ניט שולדיג, וואס ווייסט דוא ניט, ער איז א יונגער מאן און זיא א יונג ווייבעל, און איהר ווענט שוין איין אלטער, נוא א ודאי א יונגער מאן מיט א יונג ווייבעל פערשטעהט איהר שוין אז...
אין דעם איז נאר שולדיג דער פסוק, א. ז. וו. (ביידע אב)

(אויפטריט טאבעלע)

טאבעלע: מען טאנצט מען פרייט זיך, איזיקעל ווערט א חתן, קענען זייא דען וויסען אז זייער זינגען און טאנצען איז מיין קלאגען און וויינען? איך האב געוואוסט אז איך בעגעה א פעהלער צו האבען א פער-העלטניס מיט איזיקלען דעם ערשטען עלוי פון דער שטאדט מיט העררצעלע מיהלשטיינס בן יחיד, א מאן פון 60,000 גולדען, נוא וואס האב איך אבער געוואלט טהון? שוין א יאהר זייט ער האט מיר זיינע ליעבע ערקלערט און מיר אויך געשווארען מיך נישט צו פערלאזען. איז מיר דען פריהער נישט בעסער געוועזן איידער ער האט עם מיר ענטדעקט? איך פלעג מיר אזוי שטעהן און קוקען דורך דאס פענסטער, וויא ער געהט זיך אזוי יעדען אין דער פריה דאווינען מיט'ן תפילין זעקעל אונטערן ארעם, זיין סאלידעם געהן, זיין עדעל פנים'ל, זיין מאיעסטעטיש אויסזעהן, איך האב מיר אימער געטראכט, נאטעניווא האסט בעשאפען מענשען? פאר וואס זשע מאכסטו דוא איינעם

חשוב'ער און דעם צווייטען ניעדריגער? איז דען דעם ארימאנס צורה נישט גלייך צו דיינער, וויא דעם עושר'ס? ~~צו איז דען דעם עושר'ס קערפער נישט אזוי גוט פון ליים וויא דעם ארימאנ'ס~~, וואס זשע דארף זיין צווישען מענשען איין אונטערשיעד? מיט וואס בעזיצט רבקה'לע דעם רב'ס מעהר פון מיר? ווייל זיא איז ן'עם רב'ס טאכטער? און אפשר איז זיא טאקע גערעכט, דען וויא קומט א בעל עגלה צו א רב? נוא וואס זשע ווילט איהר דייגע לייט? וואס זשע זוכט איהר ניט אייערס גלייכען, פאר וואס זוכט איהר פריהער דעם ארימאנס בלוט אויסצוזאפען, אויסצונאגען, און אונגליקליך צו מאכען, ווייל איהר ווענט רייך ווילט איהר אז מיר זאלען אייער שפיעלצייג זיין? אה איהר שלעכטע מענשען (וויינט) שוין 8 טאג איז ער ביי מיר נישט געוועזן, מיין פאטער הייסט מיר איך זאל אויך געהן אויף דיא תנאים, יא איך וועל געהן, איך וויל זעהן אז דער קאפף וואס ווייסט יא וואס א נדר אדער א שבועה איז, וועט קענען מיט זיין האנד דיא תנאים אונטער-שרייבען און נישט ציטערען, אה איך געה מיך קליידען און געה אויך.

(אויפטריט איזיקעל לוסטיג)

איזיקעל: גוטען אבענד דיר טאבעלע, וואס ביזט דוא אזוי ערשטוינט געבליעבען?

טאבעלע: וואס טהוסט דוא דא איזיקעל, אין דער שעה? און אזוי פרעהליך?

איזיקעל: דיא גאנצע שטאדט פרעהט זיך איזיקעל ווערט א חתן, מען בעט צונויף דעם עולם ~~איזיקעל ווערט א חתן~~, נוא אז איזיקעל ווערט א חתן איז ער זיך אביסעל געקומען צו זיין כלה.

טאבעלע: איך פערשטעה דיך ניט איזיקעל רעד דייטליכער.

איזיקעל: פאר וואס זאלסט דוא ניט פערשטעהן, מיין פאטער גיט מיר 10 טויזענד גולדען נדן, ער וויל מיך רייך מאכען, ער ווייסט נישט אז איך בין רייכער פון איהם, ער פערמאגט געלד און איך פערמאג איין אוצר. דוא ווייסט דאך אז שוין א יאהר זייט מיכל שדכן דולט מיין פאטער דעם קאפ מיט דעם שידוך מיט'ן רב, איך האב אלץ נישט געוואלט, פון דיר האב איך נאך איינסטווייל נאר נישט געזאגט, נאר איינס האב איך זייא געזאגט אז איך וויל נישט קיין חתן ווערען, יעצט

אבער האט זיך שוין מיין פאטער מיט איהם געאייניגט, דוא ווייסט
דאך אז מיין פאטער איז איין עקשן; ער האט געזאגט ער וויל היינט
בייא נאכט מאכען תנאים, מוז איך איהם צו ליעב טהון און מאכען
תנאים.

טאבעלע: נאך וואס זשע ביזט דוא אהער געקומען, האסט געמיינט איך
וועל נישט וויסען ביז דוא אליין וועסט מיר נישט ברענגען די
גוטע בשורה?

אייזיקעל: ניין טאבעלע דאס האב איך דיר נישט געקענט לאזען וואגען
דורך איין אנדערען. טאבעלע וואס זאל איך טהון? טאבעלע דיין
טאטע איז א בעל עגלה און איך בין אייזיקעל דער עלוי ר' הערצעלע
מיהלשטיינס בן יחיד, און דוא... דוא ביזט מיין קרוין, מיין יחוס,
מיין געלד, מיין אלעס.

טאבעלע: ביזט דוא שוין וועלבסטשטענדיג דיך אזוי אויסצודריקען?
מיין פאטער איז ארים, פערדיענט קוים דאס שטיקעלע ברויט, אויך
איז זיין גאנצע פרנסה וואס ער פיהרט דיין פאטערס געהילץ צום
וואסער, און ווען בעהיטע גאט דיין פאטער זאגט איהם אב פון דער
פורמאנקע האבען מיר דאך דאס טריקענע שטיקעל ברויט אויך
נישט, וואס וועלען מיר דאן טהון?

אייזיקעל: טאבעלע קוועהל מיך נישט, דיין טאטענס פרנסה איז אויך
נישט אבהענגיג פון א מענשען, אלעס איז בייא גאט אין דער האנד,
מיר זענען נאך גענוג יונג, איך 18 און דוא 18 יאהר, פערטרויע אויף
גאט, דען מיט זיווגים בעשעפטיגט זיך נאר גאט אליין און אז ער האט
אונז מזווג געוועזען, וועט קיין מענש אימשטאנדע זיין אונזער בונד צו
צערייסען, טאבעלע דוא ביזט מיין אויף אייביג, נאך היינט מוז איך
עס מיינע עלטערן ענטדעקען, ~~יא ווייא זאלען עס וויסען~~, און נאך היינט
זאל עס איין ענדע נעהמען!

(אויפטריט יעקעל שבת'דיג)

יעקעל: אה אייזיקעל דא? אין דער צייט פון די תנאים? איך האב דאך
מיך אנגעטהון צו געהן צו דיר אויף די תנאים.

אייזיקעל: איך האב אייך אנגעשפארט א וועג, איך בין געקומען צו אייך
אויף די תנאים, אייך צו פערעהרען מיט דעם טיטעל מחותן.

יעקעל: וואס דען האסט דוא געמיינט אז איך געה צו דיר אויף די
תנאים אלס בעל עגלה? א וודאי האב איך מיך אנגעטהון ווי א
מחותן זיך צו פרעהען אויף דיין תנאים ווי א גוטער פריינד.

אייזיקעל: אז איהר זענט מיר א גוטער פריינד דאס ווייס איך, און אז
איהר ווילט אייך פרעהען אויף מיינע תנאים זאלט איהר אייך פרעהען
אויף טאבעלעס אויך! — הערט מיך אויס ר' יעקעל, איך וועל אייך
ענטדעקען א סוד וואס איז שוין בייא אונז איבער א יאהר, (חיים יואל
ערבליקט אייזיקעל ציהט זיך צוריק) איהר זאלט וויסען ר' יעקעל אז איך
ליעב אייער טאבעלע, זיא איז מיין גאנץ לעבען, און יעצט ניט אונז
אייער ברכה, און פאר דער ברכה פון מיינע עלטערן וועל איך
שוין זארגען.

יעקעל: קענען דען אמת זיין די ווערטער פון דעם רייכען ר' הערצעלע
מיהלשטיינס בן יחיד? קען איך און מעג איך דאס גלויבען, אזא מאן וואס
קען ווארפען זיינע אויגען אויף עשירות, גאלד, זילבער, גרויסע מסחרים,
רייכע שטיעבער? אייזיקעל! ערשטענס טהו ניט אן דיין טאטען אזא
בושה, דיין טאטע וועט זיך מיט מיר ניט משדך זיין, און דאן מאך
דיך ניט קינדיש און מיין קינד לאז גאט צו שיקען איהר זיווג איהרעס
גלייכען, און דוא טעכטערל מיינס געה, וועהסט דוא מיין קינד אלעס
איז אמת, און דיין שטיעפמאמע האט שוין באלד רעכט.

אייזיקעל: יא ר' יעקעל איהר מעגט עס מיר גלויבען, א דא אין אייער
נעגענווארט גיב איך אייער טאכטער מיין האנד און מיין שוואור אז
גיע זאל די האנד קענען ברויט פערדיענען, די האנד זאל דארפען
קצבה נעהמען ווער עס וועט ברעכען זיין ווארט, ר' יעקעל אייער
טאבעלע איז מיין!

יעקעל: אייזיקעל דוא ביזט נאך בייא דיין טאטען אין רשות און חלילה
ווען ער וועט דערפון געוואהר ווערען קענסט דוא נאך חלילה צו
שאנדע קומען, און מיך אויך פון דעם ברויט ברענגען, אייזיקעל גיב
א קוק, מיין טאבעלע איז יונג און שעהן, זיא הייבט ערשט אן צו
בליהען, לאז זיא ווייטער בליהען, האק נישט אב איהרע יונגע יאהר,—
דער ארימאן קען נישט וויסען צי דאס גוטע איז גוט, ווייל ער פערזוכט
עס נישט, און האב אויף מיר אויך רחמנות, און אויב עס איז אמת

וויא דוא זאגסט, אז דוא האסט זיא ליעב? לאז זיא צו רוה וועסט דוא איהר דיא גרעסטע טובה טהון.

טאבעלע: ניין פאטער, אויב דוא מיינסט אז דערמיט וועט ער מיר א טובה טהון? האסט דוא א טעות! דוא זאלסט וויסען אז דיא אלע ווערטער וואס אייזיקעל האט גערעדט מיט דעם מויל, דאס אלעס ליגט בייא מיר טיעף אין הארצען, נאר מיר שוואכע פרויעןליידען אין געהיים.

יעקעל: טאבעלע ער איז א גביר'יש קינד, ער האט אלע תענוגים וויל ער זיך דעם תענוג מיט דיר אויך אנטהון. אבער דוא מיין קינד פערגעס נישט אז מיר אלע מיט איהם צוזאמען זענען אין דיא האנד פון דיין טאטען, טאבעלע ברענג נישט אויף אונז קיין אונגליק, אייזיקעל קען נישט זיין א בעל עגלה, וויא דיין טאטע, און ווען דיין פאטער וועט מיך פון דער פורמאנקע ארויסווארפען געהען מיר דאך אלע אום פאר א שטיקעל ברויט.

אייזיקעל: ר' יעקעל וויא איז אייער בטחון? און צו וועהם, צו א מענש? אוי אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה.

יעקעל: נוא און וואס וואלטסט דוא געטהון ווען דיין טאטע טרייבט דיך ארוים און איז דיך מעביר נחלה? וואס וואלטסט דוא דעמאלט געטהון?

אייזיקער: טאבעלע, דיין טאטע גלויבט אין איין אבגאט, איך זאג דיר נישט מעהר טאבעלע, ציגעל טראגען צו דיא מויערען, שטיינער האקען אויף דיא גאסען, איין איינפאכער שיק-יונג צו ווערען, אבי צו פארדיענען א שטיקעל ברויט פאר דיר און פאר מיר, א שטיבעל ד' על ד', אבי מיט דיר צוזאמען.

(אויפטריט הערצעלע, רייזעלע)

רייזעלע: יא, ס'איז אמת, ער איז דא הערצעלע!

הערצעלע: וואס טהוסט דוא דא אצינד? איך האב געשיקט צוזאמען בעטען דיא גאנצע שטאדט אויף דיא תנאים, אלע ווארטען דארט, און דוא ביזט גאר דא?

אייזיקער: איך האב דאך דיר געזאגט אז איך וויל נישט זיין אויף דיא תנאים, עס שאד נישט, אז מען קען א קינד צווינגען א חתן צו ווערען

מיט דער וואס זיין הערץ גליסט נישט, קען מען מאכען תנאים אהן דעם חתן אויך!

רייזעלע: וואס איז דאס פאר א דיבורים וועה מיר?

אייזיקעל: הערט אוים מיינע ליעבע עלטערן, איך וועל אייך יעצט זאגען פאר וואס איך האב ביז יעצט נישט געוואלט דעם שידוך, איהר זאלט וויסען אז איך בין פערליעבט אין טאבעלען, און זיא איז מיין גאנצע וועלט, פאטער דוא האסט דאך נישט מעהר וויא דעם איינציגען זוהן מאך איהם בעסער גליקליך אלס אונגליקליך.

הערצעלע: וואס פאר א רייד הער איך פון מיין בן יחיד? ביזט דוא חלילה פון דיא געדאנקען? רעדט דאס דיין מויל? מיין קינד גיעה אהיים און טהו מיר ניט אן קיין בושה דוא קענסט דיין טאטען.

רייזעלע: וואס זיא איז דיין קאחאנקי? זיא וואלסט דוא געוואלט פאר א כלה? אז נישט דערלעבען זאל עם דער טאטע מיט דער מאמען, אזא בושה! זאג מיר נאר דוא מרשעת, דוא האסט שוין נישט געהאט וועמען צו פערדרעהען דעם קאפ מיט דיינע צוויי קיילעבינגע רויטע שיקסע פיסקעס וויא נאר אונזער בן יחיד?

אייזיקעל: מוטער ערבארם דיך איבער מיר, רויב מיר נישט מיין יונגעס לעבען.

יעקעל: גלויבט מיר ר' הערצעלע, אז איך האב פון דעם אלעם נאר נישט געוואוסט, ערשט אין דער מינוט בין איך געוואהר געווארען.

הערצעלע: דוא האסט נאר נישט געוואוסט, יעקעל מיר וועסט דוא נישט פערדרעהען דעם קאפ, נאר איך האב איצט נישט קיין צייט מיט דיר צו טענה'ן, מיט דיר וועל איך האבען איין אנדערען חשבון, און דוא אייזיקעל אהיים! שנעל אהיים! און זאג מיר נישט מעהר צו דער-מאנען איהר נאמען, דען דיא מרשעת, דיא מכשפה, דיא אוים-געלאסענע חצופה, יעקעלע בעל-עגלה'טשיקעס טאכטער וועט מיין שנור נית זיין.

אייזיקער: שווייג פאטער! איהר ברענגט מיך אום דעם געדולד, איך וועל מוזען אבטרעטען פון כבד את אביך ואת אמך און אייך ניט שווייגען, ווייל זיא איז איין ארים קינד, א בעל-עגלה'ס א טאכטער נאר נישט דעם קעשינעווערם איינקעל איז זיא שוין קיין מענש ניט?

ווייל דער גאנץ פון נאלד בלישטשעט נישט ארום איהר, און דער קלאנג פון זילבער קלינגט נישט ארום איהר, איז זיא שוין נישט פיין און עדעל? זיא בעזיצט מעהר פיינקייט און עדעלקייט פון אייך! איך בייט נישט איהר עדלען כאראקטער פאר אייך, מיט אייער כבוד, יחוס און געלד! און זיא יעקעלע בעל-עגלה'ס טאכטער איז ביי מיר מעהר שטאלץ פון אייערע מאה רבנים! טאבעלע ווייגע ניכט אין דער געגענווארט פון מיינע עלטערן און דיין פאטער און ביים אש פון דיין פערשטארבענער מוטער, און ביי דיין נאמען יתומה שווער איך דיר נאך אמאל אז ניע זאל דיא האנד קענען ברויט פערדיענען אז דיא האנד זאל דארפען קצבה נעהמען ווען איך וועל ברעכען מיין ווארט! טאבעלע דוא ביזט מיין! מיין פיר אימער אונד עוויג! און איהר מיינע ליעבע עלטערן איך האב אייער וואונש ערפולט און מאך היינט ביי נאכט תנאים, איהר מעגט מיר זאגען מזל טוב, (האפט פין שאפע א טעלער און צעבריכט איהם) מזל טוב! אייזיקעל הערצעלע מיוחס בן יחיד איז היינט א חתן געווארען און זיין כלה איז זיין הערצענס געליעבטע טאבעלע! (אומארמט טאבעלען, אלע בלייבען אפאזיציאן).

(פארהאנג).

(ענדע דעם ערשטען אקטעס).

II. אקט

(בייא הערצעלע, איין רייכער זאל מעבלירט מיט מיטעל טהיר 2 זייטען טהירען, פון דיא קוליססען הערט מען זינגען המבדיל, ביז עס טרעט אויף חיים יואל).

חיים יואל: שוין! מען האט שוין אבגעזינגען המבדיל, שוין אבגעמאכט הבדלה! אבער וויא איז דער שבת צו נאכטס וואס תמיד! מיין בעל הבית געהט ארום סמוטנע, דיא בעל הבית'טע סמוטנעכע, אייזיקעל געהט ארום צעמישט... אוי איך האב נאר פערגעסען מיר אנצושמירען דאס בערדיל מיט הבדלה יויך עס זאל גיכער וואקסען, דיא וועלט זאגט אז אהן א בערדיל האט מען נישט קיין פנים פון א מאנסביל (שמירט אן) אוי! איך הער שוין וויא עס וואקסט... מען האט מיר אנגעזאגט איך זאל דא ווארטען אויף מיכל שדכן און איהם זאגען אז דער בעל הבית איז דא אין דער היים... הע הע! היינט טאר מען איהם נישט אבנארען און איהם זאגען אז דער בעל הבית איז נישטא אין דער היים ער זאל דארפען געהן צווייא מאל, היינט מוז מען איהם טאקי זאגען דעם אמת, ווייל דער בעל הבית און דיא בעל הבית'טע ווילען ער זאל עפיס אבטהון אייזיקעל מיט טאבעלע א שטוטשקע, חיים יואל ווייסט אלסדינג... מיין בעל הבית איז וואהל, 99 מאל וואהל, ער שמירט זיך אן זיינע קעשענים מיט הבדלה יויך און מיינט אז דערפאר קומט איהם אלע מאל צו געלד, ער ווייסט נישט אז געלד געהט צו געלד, און צום ארימאן קומט צו אביון, און צום אביון קבצן, און צום קבצן בעטלער, און צום בעטלער דלות, און צום דלות שלעפער, און צום שלעפער קומט צו שנארער, און א שנארער שלאפט אין דער פינסטער. ער זינגט זיך אזוי בנעימות דעם המבדיל, און שמירט זיך אן דאס ביינדעל פון קארג מיט הבדלה יויך עס זאל איהם נישט פוילען אין קבר ביז משיח וועט קומען. אוי איז ער וואהל, ווייל ער האט דאס ביסעל געלד אין קעשענע איז ער וואהל און זינגט זיך המבדיל, א ודאי ווען חיים יואל האט זיין געלד וואלט חיים יואל געווען וואהל און חיים יואל וואלט געזינגען דעם המבדיל:

№ 2

הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל
וָוער ס'הָאט גֶעלְד אִין קֶעשֶׁענֶע דֶער אִיז דָאךְ וואהל (ביס)
אַיינֶער אָהְן רַחֲמָנוּת — בָּערוֹיבְּט דִיא גַאנְצֶע וָועלְט,
עֶר טְהוּט אַלֶעס אָהְן יַשְׁרָנוּת, — נֶעמְט צוּ יְתוֹמִים'ס גֶעלְד,
עֶר דִינְגְט אוֹים פְרֶעמְדֶע גֶעשֶׁעפְטֶען
אוּנ פוּן דֶעם אָרִימַאן צִיהְט עֶר אַרוֹים דִיא קְרֶעפְטֶען,
דָאךְ וֶועמֶען וָועהלְט מֶען פַאר רֹאשׁ הַקָהָל ?
אוּנ פַאר אַ נָשִׂיא אִיבֶּער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל
מַאכְט מֶען אִיהְם פָארְט — אוֹי
אוּמעדוּם אִיז עֶר פוּל
אוֹיךְ אַ גַבַּאי אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּהל
אִין מִזְרָח וַואנְד זַיין אָרְט.
סְטַייטְשׁ פְרֶעג אִיךְ אַזַא רוֹיבֶּער, אַזַא גַנָב, פַאר וָואס קוּמְט דָאס אִיהְם אַזַא כָּבוֹד, אוּמֶעדוּם אִיז עֶר כָּל וְכָל, עֶנְטְפֶערְט מֶען מִיר חַיִים יוֹאֵל דוּא בִּיזְט אַ נַאר, וַוייל הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ.......

כְּ'קֶען אוֹיךְ אַ רַייכֶע מוֹיד, — דֶערְצוּ קַיין גוּטֶען שֵׁם,
שְׁוַוארְץ, מְאוּס וְויא דֶער טוֹיט, — אוּנ רִיהְרְט זִיךְ נִיט אָן אַ נֶעם,
יָאהְרֶען הָאט זִיא אוֹיךְ נִיט וֶוענִיג,
אַ הַאלְבּ שָׁאק לוֹיט מַיין מֵיינוּנְג,
פְּלוּצִים הֶערְט מֶען נָאר אַ קוֹל,
אַ דָאס פְרַיילַיין הֵייראַטֶען זָאל
אַ יוּנְגֶען מַאן אַיין אַנְטִיק — אוֹי
גֶעלֶעהְרֶענְט אִיז עֶר, יוּנְג אוּנ שֶׁעהְן,
אוּנ כּוּן אַ מִשְׁפָּחָה וֶועהְר פַיין,
נוּא אוֹיךְ וָואס קֶען זַיין קוּק.
אִיךְ נֶעהְם אִיהְם אַוֶועק אִין אַ זַייט אוּנ פְרֶעג אִיהְם, בִּיזְט דוּא מְשׁוּגָע גֶעוָוארֶען, אַזַא גֶעבִּילְדֶעטֶער שֶׁעהְנֶער יוּנְגֶערְמַאן וְויא דוּא בִּיזְט, גֶעהְט זִיךְ פֶערְבִּינְדֶען מִיט אַזַא מְאוּס'ער צוּרָה וָואס הָאט שׁוֹין אִיבֶּער-גֶעוָוארְפֶען חֲתָנִים אוֹיפְ'ן פוּד אוּנ הַאלְט שׁוֹין נָאךְ שְׁלֹשִׁים זִיא מֶעג

שׁוֹין לַאנְג הֶערֶען כְּלֵי-זֶמֶר שְׁפִּיעלֶען, ה'יְמְט עֶר מִיר אַיין שְׁטִילֶערְהֵייט חַיִים יוֹאֵל בִּיזְט אַ נַאר, דוּא וַוייסְט פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהְר חֲתוּנָה ? וַוייל הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ.......

כְּ'וַויים אוֹיךְ פוּן אַ קְהִלָה — וַויא הָאבֶּען אַמָאל אַ רָב בֶּעדַארְפְט,
הָאט זִיךְ גֶעמָאלְדֶען אַיין עִלוּי — מִיט אַ מֹחַ גֶעשְׁלִיפֶען, גֶעשַארְפְט,
דְרָשׁוֹת גֶעזָאגְט לוֹיטֶער חֲקִירוֹת,
נָאר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֲשִׁירוּת,
פְּלוּצִים גָאר פוּן אַלְדֶע רוּחוֹת
אוּנ דַוְקָא נִישְׁט קַיין מְיוּחָס,
זוּכְט אוֹיךְ אַ שְׁטֶעלֶע אוֹיף רָב — אוֹי !
קֶענֶען יֶענֶעם אִיז עֶר אַ גְרָאבֶּער יוּנְג,
אוֹיף דְרָשׁוֹת הָאט עֶר אַ שְׁטוּמֶע צוּנְג,
אוּנ דִיא שְׁטָאדְט נֶעמְט אִיהְם גָאר אוֹיף.
פְרֶעג אִיךְ דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל, סְטַייטְשׁ אַ רָב דַארְף דָאךְ עֶפִּיס זַיין אַ לַמְדָן, אַ מְיוּחָס, אוּנ דֶער וַוייסְט דָאךְ אַפִּילוּ נִיט וֶוען דֶער מוֹלֶד אִיז ? עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיר, עֶר אִיז אַ רָב אַזוֹי וְויא אִיךְ בִּין רֹאשׁ הַקָהָל, אַזוֹי ? פֶערְשְׁטֶעה אִיךְ שׁוֹין פַאר וָואס דָאס אִיז וַוייל הַמַבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ... אוֹי, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיךְ אַזוֹי צֶעזוּנְגֶען ? לָאמִיךְ בֶּעסֶער אָנְגְרֵייטֶען דִיא פַּייקֶע פַאר דֶעם בַּעַל הַבַּיִת וֶוענֶען אִיךְ זָאל נִיט הַאפֶען קַיין סוֹף אוֹיף דֶער פוּלֶער וָואךְ. (שטאָפּט דיא פּייקע מיט טאבאק).

(אויפטריט אייזיקעל)

אייזיקעל: חַיִים יוֹאֵל, בִּיזְט גֶעוֶוען בַּייא טַאבֶּעלֶע ?

חיים יואל: אַיין אוּמְגְלִיק מִיט דֶער פַּייקֶע, זִיא דַארְף הָאבֶּען 3 קָארְט טִיטִין, שְׁטוּפּ אוּנ שְׁטוּפּ אוּנ בַּיים קֶעפֶּעל הַאלְט עֶס נָאךְ נִישְׁט, אִיךְ וָואלְט גִיכֶער גֶעקֶענְט אוֹיפְעֶסֶען 6 קָארְט אַרְבֶּעס אַיידֶער אָנְצוּשְׁטוּפֶּען דִי פַּייקֶע.

אייזיקעל: הֶער וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִיר, בִּיזְט גֶעוֶוען בַּיי טַאבֶּעלֶע ? וָואס הָאט זִיא דִיר גֶעזָאגְט ? פַאר וָואס קוּמְט זִיא נִיט אוֹיף דֶעם פְּלַאטְץ וואוּ אִיךְ הָאבּ זִיא בֶּעשְׁטֶעלְט ?

חיים יואל: אִיךְ וַויים פַאר וָואס זִיא קוּמְט נִיט, זִיא זָאגְט מִיר נִישְׁט קַיין

שום תירוץ. נור ווען איך קום איז זיא בעז, און מיט א בעזער שטימע זי מיך ארוים פון דער שטוב (אפארט) דער שונא זאל אזוי לעבען צו איך גיה אפילו אהין, דאס האט מיר דיא בעל-הבית'טע געהייסען אזוי זאגען און דערפאר וועט זיא מיך חתונה מאכען מיט טאבעלען.

אייזיקעל: גיה נאך אמאל צו איהר און זאג איהר אז מיט דעם וואס זיא קומט נישט בין איך שוין האלב איבערצייגט אז מיינע עלטערן ווענען גערעכט, און נאך איין מאל שיק איך צו איהר, זיא זאל מיך מארגען ערווארטען 9 אוהר פריה אין יאבלאנאווסקישען פארק וויז א וויז דער מוזיק געביידע.

חיים יואל: איך גיה איהר שוין זאגען. נור ס'איז אומזיסט, זיא וועט נישט קומען. וואס ווילט איהר א בעל-עגלה'ס א טאכטער זאל זיין פיין? שיקט איהר אייער טאטענס טויזענדער וועט זיא קומען.

אייזיקעל: שטיל דוא דומקאפף ווער האט דיר ערלויבט איבער איהר צו שפאסען.

חיים יואל: נא שפאסווע איך נישט, איהר וועט שוין זעהן שפעטער. הכלל וואס זשע זאל איך איהר זאגען? אז איהר וועט זיא דערווארטען אין מארגענדיגען פארק אויף דער יאמבעראווסקישער מוזיק לעבען נאנטען בעדיל.

אייזיקעל: פערד וואס דוא ביזט, אין יאבלאנאווסקישען פארק וויז א וויז דער מוזיק געביידע, מארגען 9 אוהר פריה.

חיים יואל: נוא איז דאס פאר חיים יואל'ס קאפף? שרייבט עס מיר אויף אויף א צעטעלע... דיא שונאים זאלען אזוי הערען שופר של משיח, וויא זיא וועט זעהן דאס צעטעלע.

אייזיקעל: נא און גיה גיך אריבער און קום באלד צוריק.

חיים יואל: זאל גאט היטען, איך מוז דא זיין און ווארטען אויף מיכל שדכן איך זאל איהם זאגען אז דער בעל-הבית איז דא אין דער היים.

אייזיקעל: גיה גיה, איך וועל איהם שוין זאגען.

חיים יואל: אבער היינט מוז מען איהם זאגען דעם אמת מען טאר...

אייזיקעל: נא גיה שוין דוא פערד. (חיים יואל אב) זאל דאס וואהר זיין אז זיא האט בעפיילען אז פאר 500 גולדען וועט זיא מיך נאכלאזען און מיר מוחל זיין? און דאדורך וויל זיא זיך שוין מעהר מיט מיר נים

זעהן. [...]ינע בריעפע צו איהר ווערען נישט בעאנטווארטעט, מיינע בעשטעטלונגען לאכט זיא אוים, זיא האט טאקי געמיינט וויא דער דומקאפף זאגט, מיין טאטענס טויזענדער. נישט מיין טאטענס קינד, אה, ווען דאס איז אמת, ווענען שוין דיא ווערטער פון דער גמרא גערעכט „לעולם ימכור אדם מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם" נישט א גראבעניונגס א טאכטער... נאר ניין, איך וויל נישט רעדען זיא איז געווים אונשולדיג, און איך אורטהייל זיא אומזיסט צום שלעכטען, מעגליך פלאגט זיא דארט איהר עלענדער פאטער מיט פארווירפע, ווייל דורך איהר האט מען איהם ענטזאגט פון זיין שטעלע, מעגליך מארטערט זיא דארט איהר שלעכטע שטיעפמוטער מיט קללות און חרמות. אה טאבעלע ווען דאס אלעס איז א ליעגען און ווען דיין הערץ איז אזוי ריין מיט אמת'ער ליעבע צו מיר וויא מיין הערץ צו דיר, זא טראגע אלעס איבער מיט געדולד אונד דוא בלייבסט אויף עוויג מיין, יא טאבעלע אויף עוויג מיין. (וויינט)

(אופטריט הערצעלע, רייזעלע)

רייזעלע: נו מיין קינד וואס ביזטו אזוי צוגעלענט?

אייזיקעל: איך האב קאפפשמערצען ס'האט געמוזט זיין א טשאד...

רייזעלע: אז פערטשאדעט האט זיא געזאלט ווערען פון גאט וויא זיא האט דיך פערטשאדעט און מיך פערטשאדעט און דעם טאטען פערטשאדעט. אוי! נישט אומזיסט זאגט דיא וועלט אז דורך קינדער לעגט מען זיך אין דער ערד אריין און דורך קינדער הייבט מען זיך ביז אין הימעל אריין.

הערצעלע: זעהסטו שוין אייזיקעל אז טאטע מאמע זענען קלוגער און מען דארף פאלגען טאטע מאמע, איצט ביזטו שוין איבערצייגט וויא דוא האסט דיך געוואלט אומגליקליך מאכען?

אייזיקעל: איבערצייגט נאך נישט דאס מינדעסטע.

הערצעלע: וועסט ווייטער זעהן אז זיא האט נישט דיך נור מיך געמיינט. זאג נור אייזיקעל לעבען, דוא געדענקסט דיא גמרא ארבעים יום קודם יצירת הולד"...

אייזיקעל: יא, 40 טעג איידער דער מענש ווערד געבוירען, רופט אוים

א בת קול דעם און דעמ'ס טאכטער נעהער צו דעם און דעם מענשען.

רייזעלע: אמת אמת, עס שטעהט טאקי אזוי.

הערצעלע: נו פרעג איך דיך יונגער שכל, איז ארויסגעגאנגען א בת קול אז יעקעל בעל עגלה זאל גאר זיין מיין מחותן?

אייזיקעל: ניין טאטע, נישט אזוי האט דאס בת קול אויסגערופען, עס האט נור אויסגערופען אז טאבעלע יעקעל'ס טאכטער זאל זיין מיין זווג, אבער אייער נאמען איז דערביי גאר נישט דערמאנט געווארען.

הערצעלע: פרעג איך דיך: מיר וואס שטאמען ארויס פון לויטער רבנים האסטו אונז געוואלט צוזאמענפיהרען מיט יעקעל בעל עגלה?

רייזעלע: מיט אזא גראבען יונג וואס ווייסט אפילו נישט וואס יום הששי איז, צו א זכר צו א נקבה?

הערצעלע: זאג מיר נור בן יחיד מיינער, אשטיינער אז איך וועל שטעהן שבת אין שוהל ביים ספר און שאפען, מיט וואס פאר איין עליה זאל איך מכבד זיין דיין שווערער און מיין מחותן? און פון וואנען וועט ער קומען אנצוריקען פון אויבען אן ביים האנדפאס?

רייזעלע: און איך דיין מאמע וועל אהיים געהן שבת פון דער שוהל מיט מיין גראבען קרבן מנחה סידור אונטער דער ארעם, מיט דער רבי'צין אין דער רעכטער האנד, און מיט דער דיינ'טע אין דער לינקער האנד ווי דער שטייגער איז און ליבקע יעקעל'ס וועט זיך מיר געבען א שטופ אריין אין דער מיט, גוט שבת רבי'צין, גוט שבת אייך דיינ'טע, גוט שבת אייך מחתני'סטע, אז נישט דערלעבען זאל עס דער טאטע מיט דער מאמע אזא בושה דורך קינדער.

הערצעלע: וויא אזוי וואלט איך געקענט דורכגעהן דיא גאס אז קליינע קינדער זאלען מיר נאך טאטען מיט דיא פינגער, אט דאס האט אויסגעפיהרט ר' הערצעלע מיוחס, איך דעם לובלינערס איין איניקעל.

רייזעלע: און איך דעם אפטער'ס.

הערצעלע: און איך דעם סאנזערס.

רייזעלע: און איך דעם קאצקערס.

הערצעלע: איך דעם ווילנערס.

רייזעלע: און איך דעם בלוזקערס.

הערצעלע: איך דעם טאפעראווער.

רייזעלע: און איך דעם מאגריווער אזוינע מיוחסים לויטער סענק.

אייזיקעל: אמת טאטע לעבען מיר ווענען מיוחסים איינע אין דער וועלט, נוא פעהלט אונז נאך יחוס? פארקעהרט לאז זיך עמיצער רייבען אין אייער יחוס, דער רב וועט דאך נישט ארום לויפען שרייען אז זיין מחותן איז א יחסן, פארקעהרט ער וועט וועלען געגען אייך שטאלצירען מיט זיין יחוס, דאגעגען יעקעלע אבער וועט ארום לויפען אין אלע גאסען און שרייען מיין מחותן איז א יחסן שביחסנים, דעם קאצקערס בראצקערס טרינצקערס פיצקערס...

הערצעלע: הער מיך אוים איך האב אבגעלעגט אויף שבת פ' שקלים זמן החתונה און איך וויל פון דיר הערען דיין ווארט יא אדער ניין?

אייזיקעל: טאטעניוא אזא דוא האסט מיך געפרעגט א גמרא, האב איך דיר געענטפערט, ענפער זשע מיר דעם מדרש „הקב"ה מזוג זווגים, יושב ועושה סולמות", מיט שידוכים גיט זיך אב גאט אליין און מאכט לייטערלעך, איינער געהט ארויף און דער אנדערער אראב, כדי דער זווג זאל קענען צושטאנדע קומען דערפאר נעמט אייך גוט דעם מדרש אין קאפף אריין און גיט אכטונג אויף דיא לייטערלעך.

רייזעלע: דער מדרש מוז נור שטעהען אין ספר פראלניק.

הערצעלע: יעקעלע'ס חתן הער אוים וואס איך זאג דיר, איך האב דיר געגוג איבערוויזען וויא בלינד דוא ביזט, ווילסטו חתונה האבען וויא דיינע טאטע מאמע אנשטעהט איז גוט, אלא נים שוועהר איך, אז איך אליין וועל דיך אוועקגעבען צום מיליטער און דארט וועסטו פאר-פאלען לעולם ועד, דען עס איז מיר ליעבער דיא בושה אידער אזא בושה! (אב)

רייזעלע: וואס דען דער טאטע האט נישט רעכט ווער איז מיר. (אב)

אייזיקעל: צום מיליטער? זאל מיך מיין איינענער פאטער איבערגעבען צום מיליטער? יא, ביי איהם איז אלעם מעגליך, ביי חסידים שפיעלט א קינד קיינע ראלע, דורך זייער פאנאטיזמוס און יחוס ווענען זייא מקריב זייערע קינדער וויא צו דער עבודה זרה מולך — צום מיליטער? פאר 12 יאהר קומט מען נים אהיים, נאך 12 יאהר פערגעסט מען צו מען האט גאר אמאל געהאט אהיים, נוא? זאל איך מיך

דערפאר לאזען איבערערעדען אונ חתונה האבען מיט אזוינער וואס מיין הערץ ציהט נישט צו איהר! — נוא אונ טאבעלע? זיא וועט עס געווים נישט אויסהאלטען אונ זיבער פון דער וועלט געהן, אונ דארט אויף יענער וועלט פאר דעם בית דין של מעלה פון מיר פאדערען ראבע, נקמה... אה פאטער מוטער, איבערצייגט מיר וועניגסטענס איהר פאלשעם הערץ, לאזט מיך וועניגסטענס זעהן וויא טיעף איך בין פערבלאנזעט אין דער פינסטערניש. דאן טהוט אייך מיט מיר וואס איהר ווילט. (אב

(אויפטריט חיים יואל)

חיים יואל: ער ווייגט ער איז פערמישט, איהר מיינט אז זיין וויינען איז נאריש ער ווייסט נישט וועמען ליעב צו האבען, גוואלד איז דאס א נאלד א ברילאנט, איך קום נעבעכטען אזוי אריין צו זיא איך זאל בעשטעלען יעקעל ער זאל אהער קומען, האב איך געטראפען טאבעלע שטעהן פערקאטשעט דיא ארבעל מיט א וויעבעטש שטרויא אונ האט געריבען טיש אונ בענק, איז מיר עפים אזוי געווארען אז... ווען איך געב חאטש א קוש דעם וויעבעטש שטרויא וואלט איך געווען מיך דערקוויקט. איך קום אזוי אריין אונ געב אויף איהר א קוק אונ זיא אויף מיר א קוק האב איך מיך פערשעמט צו קוקען, דען מיט איהר קוק האט זיא מיר מיין קוק אוועקגענומען, מענשען, יודען בני רחמנים! איז דאס א מיידעל, בעקעליך וויא ווינטער-עפעליך, ווייסליך, אונ אין דערמיט רויטליך, אפאר אייגעליך בלישטשען וויא ביא דער גרעפינס קעצעלע. איך געה אזוי צו מיר אליין אונ טראכט... גאר נישט, למשל ווען דער גוטער גאט בעשעהרט מיר אזא ווייבעלע, טרעפט מענשען וואס איך וואלט געטהון בנאמנות... גאר נישט! איך וואלט נישט געלאזט אויף איהר אביסעל שטויב פאלען, איך וואלט געארבייט וויא איין עזעל אונ איהר געגעבען צו עסען וויא א פערד, איך וואלט ארום געלאפען אין אלע גאסען אונ וואלט געשריגען... גאר נישט. איך וואלט איהר געזאגט טהו גאר נישט נור זיטץ אין דער היים אויף דעם פיעקעליק אונ פראזשע ארבעם אונ עס וויפיעל דוא ווילסט... דיא וועלט זאגט אז חיים יואל איז א נאר, אמת! וואס אמת? נור ויציב, ונכון, וקים, וישר, ונאמן, ואהוב, ויפה

אז חיים יואל איז א נאר, דען וויא אזוי בין איך נישט קיין נאר? אז פלוצים פאלט מיר איין א כלה מיט א נאמען חוה לאה; עס איז דאך נור א געלעכטער, אונ ווער ס'וועט הערען אונ זעהן וועט האבען וואס צו לאכען, למשל איך וועל אריינקומען צום דריקער בעשטעלען חתונה בילעטען, וועט ער מיך געבען א פרעג וויא אזוי הייסט איהר איך? חיים יואל, זעהר שעהן, א שעהנער נאמען חיים יואל, ניצט ר' חיים יואל. וועט ער מיך געבען א פרעג וויא הייסט דיא כלה? נוא גיה זאג איהם חוה לאה אונ לאך נישט... צו אויף דער חתונה וועט אודאי דער מחותן דער רב זיין מסדר קדושין מעט ער געבען א לייען דיא כתובה הבתולה הכלה מרת חוה לאה, וועט זיך דער רב מיט דער גאנצער חתונה צולאכען. צו ביא א קימפעט? מען וועט דארפען מאכען א מי שבירך אין שוהל, וועט דער שמש געבען א געשרייא האשה היולדות מרת חוה לאה, וועט זיך דער שמש מיט דער גאנצער שוהל צולאכען. היינט ביא א לויה ווען מען דארף וויינען אונ קלאגען וועט זיך דער יזכור-מאכער אנידער שטעלען אונ געבען א זאג את נשמת האשה מרת חוה לאה, וועט דיא גאנצע לויה מיט'ן יזכור-מאכער מיט דיא פערד מיט'ן טויטען וואגען צולאכען אונ היינט גיה שטעל אנידער אויף דעם היילינגען ארט א מצבה מיט א נאמען חוה לאה, אז ווער עס וועט דורכגעהן זאל זיך מוזען צולאכען... ניין אונ טויזענד מאל ניין, איך וויל נישט אונ וויל נישט!... הערט אבער דעם נאמען טאבעלע! עס קלינגט נאר אנדערש. הכלה הבתולה מרת טאבעלע, א מחיה, האשה היולדות מרת טאבעלע, א פערגעניגען... אוי וועה מיר את נשמת האשה החשובה הצדקת מרת טאבעלע, אוי א קלאג אוי א געוויין... טויזענד ים המלח'ן קען מען דאך אויסגיסען ביא אזא טהייערען נאמען, אזא כשר טאבעלע, אזא טהייער טאבעלע, אזא יונגער בוים אז וועה איז צו מיר אונ איין אכטונג דעם מאן... (וויינט)

(אויפטריט חוה לאה)

חוה לאה: א וועהטיג איז מיר, וואס וויינסט דוא חיים יואל?

חיים יואל: אז וועה איז צו מיר אונ איין אכטיג איז דעם מאן.

חוה לאה: אבער וואס איז, ווער האט דיר עפים געטהון?

חיים יואל: (ערבליקט זיא, צעלאכט זיך) חוה לאה!... דוא ביזט עס? הערסט
א סוף — איין עק — א שלום צו אונזער חתונה האבען.

חוה לאה: פאר וואס?

חיים יואל: איך וויל ניט, איך וויל נישט מעהר חתונה האבען.

חוה לאה: אבער עס מוז דאך זיין א פאר וואס?

חיים יואל: זיא פרעגט נאך פאר וואס? עס איז דאך מיר א פינסטערע
בושה פאר מענשען... וויא אזוי נעמט א מענש און ניט זיך עס א
נאמען חוה לאה? אדרבא פרעג וועמען דוא ווילסט צי הייסט עמיצער
חוה לאה?

חוה לאה: און אז דוא הייסט חיים יואל?

חיים יואל: חיים יואל יא, אבער ניט חוה לאה, עס איז דאך נאר א
געלעכטער... פרובירט און זאגט עמיצער חוה לאה און לאכט ניט.

~~**חוה לאה:** און אז עס איז דא פאר דער שוהל דיא שווארצע חוה רחל?~~

~~**חיים יואל:** חוה רחל אבער ווייסט חוה לאה.~~

חוה לאה: דאס איז אין נאנצען? נוא האב איך איין עצה וויא אזוי נישט
צו הייסען חוה לאה, איך וועל מיך מאכען קראנק...

חיים יואל: איך האב פיינד געמאכטע זאכען.

חוה לאה: און מיר הייסען איבערבייטען דעם נאמען. איך וועל מיך
הייסען רופען אלטע, באבע, אדער חיה...

חיים יואל: בע בע בע, אלט ביזט דוא שוין גענוג, א באבע פאסט דיר
שוין צו זיין, און וויא א חיה זעהסט דוא אויס.

חוה לאה: פאר מיינע ארבים וואס איך האב דיך געהארעוועט, איך בין
איינגענס גע־אנגען אהער אין דיענסט, כדי דיך צו קענען הארעווען מיט
ארבים, דוא מוזט בלייבען מיין.

חיים יואל: אט האט זיא מיך אבגעקויפט פאר ארבים, איך זאל מיט
איהר חתונה האבען, ניין איך וויל נישט חתונה האבען.

חוה לאה: דוא מוזט בלייבען מיין, איך וועל דיר דיא פיסקעס צעפאטשען
און דוא מוזט מיט מיר חתונה האבען. (שלאגט איהם)

חיים יואל: עה מען לאכט דאך שוין טאקי פון מיר. (טהוט אויס דעם קאפטען
שלאגט זיא, ביז זיא לויפט אב. ער שלאגט פארווערטס אהנע צו זעהען אז עס איז)
(אויפטריט מיכל, דאן ערבליקט ער איהם פערבליפט).

ר' מיכל איהר זענט עס? וויא זשע איז חוה לאה? (ערשראקען) זיצט ר'
מיכל, ברוך הבא ר' מיכל, א גוטע וואך ר' מיכל, געהט ניט אוועק
ר' מיכל, דער בעל הבית דארף אייך עפים נעטהיג האבען, אט געה
איך איהם אריין שיקען. (אב)

מיכל: מילא וויא זשע קומט דאס צו א שדכן? א שדכן איז א חיוב אז דא
איז דא א בחור און דארט א בתולה זייא צונויף צו קוועטשען און צו
מאכען איין בארג, אבער א שדכן זאל דארפען דארט וויא 2 האבען
זיך ליעב אנצוארבייטען א קטטה, דאס איז שוין א שטיקעל עולה,
נאר לאמיר נאר זעהען וואס הייסט איין עולה? איך מוז דאך זעהן צו
פערדיענען געלד, און דא וועל איך דאך עפים פערדיענען 4 ערלייא
נעדער, ראשית פאר קאלע מאכען, והשנית פאר אייזיקעל מיט
רבקהלע, והשלישית וועל איך טאבעלען אויסזוכען איין אנדערען
חתן, והרביעית חיים יואל מיט חוה לאה......

(אויפטריט חיים יואל)

חיים יואל: דאס רביעית האלט אייך ר' מיכל, דער בעל הבית געהט
שוין אריין, אט האט איהר דאס בריוועלע ר' מיכל, דאס האט דער
פאניטש געשריעבען צו דער פאניטשעכע אז זיא זאל איהם דערוואַרגען
דארט וויא איך קען נישט נאכזאגען, איך געה אהער רופען ר' יעקעל
דער בעל הבית דארף איהם עפים האבען, און ווארט דא אויס ר'
מיכל, האט א גוטע וואך, נאר דאס רביעית האלט אייך אליין ר'
מיכל. (אב)

מיכל: א גאנץ וואהלער בחור דער חיים יואל, ער ארבייט מיט אין
געשעפט בעסער וויא א מיניסטער — דאס בריוועלע קומט צו נוטץ,
יעקעל אליין וויל שוין אצינד נישט נאך לאזען פאר קיין געלד, נאר
דאס שאדט ניט, מען דארף נאר זעהן צו פערהיטען אז דאס פאריל
זאל זיך ווייטער ניט קענען זעהן.

(אויפטריט הערצעלע)

מיכל: א גוטע וואך ר' הערצעלע, ס'געהט, ס'פאהרט, ס'לויפט, אט טא
טא זענען מיר שוין ביים ברעג, איך בין געוועזען ביי דער ימח־שמוניצע
און האב איהר אנגעשלאגען צו געבען געלד, האט זיא געזאגט יא.

איהר הערט ר׳ הערצעלע יא, נאר זיא וויל אז אייזיקעל אליין זאל איהר שרייבען אז זיא זאל קומען נעהמען דאס געלד, אונ פון זיין האנד וויל זיא עס נעהמען.

הערצערלע: נישט מעהר? וויא אזוי איז דאס מעגליך?

מיכל: ביא מיכל שדכן פרעגט איהר מעגליך צי נישט מעגליך, ווען איך זאל וועלען פרעגען אויף אזוינע זאכען וואלט איך געהייסען חלפתא בן דותא נישט מיכל שדכן. ווערט איהר דאס בריוועלע? דאס האט אייזיקעל איהר געשריעבען זיא זאל איהם ערווארטען אין פארק, חיים יואל האט עס מיר געגעבען אונ דאס געשעפט איז אבגעמאכט, מאקי דאס איינענע בריוועלע דארף איך איהם צוריק געבען אונ איהם זאגען אז טאבעלע האט עס איהם צוריק געשיקט אונ זיא וויל נישט מעהר פון איהם קיין ליעבעס בריוועליך. נאר דאס איינע בריוועלע אז זיא זאל זיך קומען נעהמען דאס פערשפראכענע געלד וועט זיא קומען אונ מאכען איין עק, „והעיר שושן צהלה ושמחה“!

(אויפטריט אייזיקעל, רייזעלע)

מיכל: אט געהט מאקי אייזיקעל מיט רייזעלע, ר׳ הערצעלע נאר א סאלדאט מיט קוראזש, א גוטע וואך אייזיקעל, א גוטע וואך רייזעלע אונ א גוט יאהר, השי״ת זאל אייך העלפען איהר זאלט דערלעבען חתונה צו מאכען אין א שעה מוצלחת מיט זיין אמת׳ן זיווג וויא אייך אנשטעהט, אונ פון אייער זוהן זאל ארויסקומען 12 שבטים אונ פון יעדען שבט 70 נפשות אונ פון יעדען נפש ששים רבוא יודען, אונ יעדער יוד זאל אייך געדענקען רייזעלע מיין עלטער באבע וויא מען געדענקט אונזערע היילינע באבעס שרה, רבקה, רחל, לאה, אונ עס זאל זיין צווישען יודען שמחות ובא לציון גואל, ניט אהער אביסעל בראנפען אונ לאז זיין לחיים.... אייזיקעל איז דיר דאס בריוועלע בעקאנט? (ציינט איהם)

אייזיקעל: יא וויא קומט עס צו אייך ר׳ מיכל?

מיכל: וואס הייסט וויא סע קומט צו מיר? זיא האט עס מיר אליין געגעבען.

אייזיקעל: נוא וואס האט זיא געזאגט, קומט זיא מארגען?

מיכל: יא זיא האט געזאגט דוא זאלסט איהר מעהר אזעלכע בריוועליך

ניט שרייבען, נאר איין בריוועלע וויל זיא, דאס איז דיא 500 גולדען אונ איבער דיר מאכען דעם בר מצוה פסוק ברוך שפטרני.

אייזיקעל: וואס זיא וויל געלד? 500 גולדען וויל זיא פאר מיר? יא זיא האט רעכט, אה פאטער מוטער פערצייהט מיר פאר דיא שמערצען וואס איך האב אייך ביז נון פערשאפט, איך וואר לייכטזיניג אונ פערפיהרט, קומט ר׳ מיכל איך וועל אייך געבען דאס בריוועל. (אב)

הערצערלע: יישר כחך ר׳ מיכל, יישר כחך.

רייזערלע: ר׳ מיכל איהר זענט איך ווייס אליין נישט וואס.

מיכל: וואס הייסט איהר ווייסט נישט וואס איך בין, איך בין א פויגעל.

(קנייפט זיא אין באק)

הערצערלע: וואס טהוט איהר ר׳ מיכל, א פרעמדע אשה דעם מאן אין דיא אויגען? איהר מוזט האבען דיא מאמע אין קאפ?

מיכל: געהט שוין געהט, אשת חבר כחבר, איך האב עס איינענם געטהון כדי לחבבה על בעלה, עס שטעהט בפירוש געשריעבען אז מען וויל אז דער מאן זאל ליעב האבען זיין ווייב, זאל קומען איין פרעמדער אונ זאל זיא גלעטען, כדי דער מאן זאל זיא 10 מאל גלעטען, דער תנא ר׳ זירא אז ער איז געקומען אויף א חתונה האט ער געהאפט דיא כלה אויף דיא פלייצעס אונ האט מיט איהר ארום געטאנצט כדי לחבבה על בעלה.

הערצערלע: יא דעם תנא ר׳ זירא האט זיך אבער געדאכט אז ער טראגט א באלקען אויף דיא פלייצעס.

מיכל: אונ מיר האט זיך געדאכט אז איך טהו א גלעט א שטיק סטויב, הכלל עס ווערט שפעט לאמיר געהן נעהמען דאס בריוועלע, האט א גוטע וואך, אונ ניכך מיכל. (אב)

הערצערלע: א גאנץ לוסטיג יודעל דער ר׳ מיכל, ער ווייסט גאר ניט וואס ער האט אצינד ביא מיר דער ווערטה.

(אויפטריט יעקעלע צוגעלעגט)

יעקעל: א גוטע וואך ר׳ הערצעלע!

הערצעלע: א גוט יאהר.— רייזעלע געה גיב אכטונג, אייזיקעל זאל אצינד ניט אנקומען. (רייזעלע אב) וועך דיך יעקעל.

יעקעל: וואס האט איהר נאך מיר געשיקט ר׳ הערצעלע?

הערצעלע: דוא וועהסט שלעכט אוים יעקעל.

יעקעל: א ודאי קען מען בעסער אויסזעהן, פון דער פוהרמאנקע האט איהר מיר אבגעזאגט, פערד און וואב האב איך פערקויפט, מיין גאנץ אויסהאלטונג איז וואס טאבעלע הארעוועט נעביך אזוי שווער און ביטער, נוא קען א הר ארבייט אויסהאלטען א שטוב מיט מענשען?

הערצעלע: נוא ווער איז דיר שולדיג, איהר זענט אייך אליין שולדיג אין דעם.

יעקעל: מיר זענען שולדיג? און אייער זוהן איז פטור? איז דען מיין טאבעלע געקומען צו איהם בעטען זיין ליעבע, אמת זיא האט איהם אויך ליעב געהאט, אבער זיא האט דאך קיינעם דערצעהלט.

הערצעלע: ווען זיא זאל געוועזען זיין א בר שכל וואלט זיא געדארפט פערשטעהן אז ער איז א נגידיש קינד און מעג זיך ערלויבען צו שפאסען.

יעקעל: וואס ער האט געשפאסט? איהר ווילט אייך אונטערהאלטען און מיר זאלען זיין אייערע שפיעלעכער?

הערצעלע: וואס דען האסט דוא געמיינט זיך מיט מיר משדך זיין? הער מיך אוים יעקעל, איך האב דיך געשיקט רופען, איך וויל מיט דיר רעדען איין ערנסט ווארט, איך גיב דיר 300 גולדען אויף נדן, און גיב דיר ארוים א כתב אז כל ימי חיי זענט איהר ביא מיר און זיא דיך משדך מיט חיים יואל'ן, ער איז א גאנץ פיינער בחור.

יעקעל: איהר זאגט דאס מיר צו זאגען, א ודאי ווייל איך בין ארים קענט איהר אייך שפאסען, א ודאי איך קען אייך נישט זאגען אז איך גיב אייך 300 גולדען אויף נדן און כל ימי חיי אויסהאלטען ביא מיר און נעמט חוה לאה פאר א שנור.

הערצעלע: וואס? וואס האסט דוא געזאגט, ביא מיר אין שטוב, בעל־עגלה! גראבער יונג, דוא האסט געוואלט דווקא זיין מיין מחותן, און דיין טאכטער מיין שנור?

יעקעל: וואס בין איך צי וואס איז מיין טאכטער? א פושעי ישראל? צי פון א געשמד'טער משפחה, וואס איהר זוינט אזוי וויא א פיאוויקע מיין בלוט און איך שווייג, איהר מיינט אז מען שאכט דעם פיש

לעבעדיגערהייט טהוט איהם נישט וועה ווייל ער שרייט נישט? גאט זאל אייך בעצאהלען פאר מיין שפיכות דמים.

הערצעלע: א ודאי או דער ווארעם ליגט אין חריין מיינט ער עס איז קיין זיסערס נישטא, וואס דוא ביזט ווילסט דוא וויסען? א בעל־עגלה, א גראבער יונג, פון א משפחה לויטער שוסטערס, שניידערס, סטאלארעס, סאמע בעל־מלאכה'ס, ימח שמם זאלט איהר ווערען.

יעקעל: (שטעהט אויף אויפגערעגט ביז אין מיטען דער ביהנע) וואס? א בעל־מלאכה איז ביא אייך קיין מענש ניט, ווייל ער איז ארים איז ער קיין מענש ניט? איהר זענט מענשען ווייל איהר האט געלד? איהר, וואס טהוט נישט א האנד אין קאלטען וואסער, נאר וואס פרעמדע מענשען הארעוען אויף אייך אזוי שוועהר און ביטער דעמאלט ווען עס דונערט און בליצט, שטורמט און רעגענט אין דרויסען, זיצט איהר אייך פערמאכט אין אייערע שעהנע ווארעמע סאלאנען, און איך בין דעמאלט איינער אליין אויף דעם פיסטען פעלד, דאס לעבען איינגעשטעלט אין א סכנה יעדען אויגענבליק, איך וואס ארבייט אויף מיינע 6 שיין א וואך מיט בלוטיגען שוויים, היים איך גאר קיין מענש ניט? ניין און טויזענד מאל ניין, דער ארבייטער, דער בעל־מלאכה איז מעהר מיוחס פון אייך, ער הארעוועט שוועהר אויף זיין טריקען שטיקעל ברויט, מיט דעם שוויים פון זיין קערפער, מיט דער קראפט פון זיינע צעהן פינגער, און איך שטאלציער אויף מיין ארימער משפחה פון עהרליכע בעלי־מלאכות מעהר וויא אויף אייך מיט אייער רייכטהום, יחום, כבוד און געלד!

(אויפטריט טאבעלע)

טאבעלע: פאטער דוא ביזט דא?

יעקעל: וואס טהוסט דוא דא מיין קינד, קום לאמיר נישט מטמא זיין זיינע סאלאנען.

טאבעלע: ניין פאטער איך וויל נישט געהן ביז איך וועל נישט ערהאלטען מיין לאהן דעם פרייז וואס אייזיקעל האט פאר מיין הערץ בעשטימט.

הערצעלע: ועהסט דוא מיין קינד, דוא ביזט קליגער פון דיין טאטען, דערפאר זאלסט דוא אויך בעלאהנט ווערען, איך וועל דיר געבען 500 גולדען אויף נדן און גאט זאל דיר צושיקען דיין אמת'ען זיווג.

נעהסט דוא מיין קינד איך געה מיט יושר און פערציייהע דיר דיין פעהלער. (לעגט אויפין טיש דאס געלד).

טאבערע: איך בין בעגאנגען א פעהלער און איהר געהט מיט יושר? אייער קינד איז געקומען צו מיר, מיין קאפ פערדרעהט, מיינע געדאנקען פערמישט, בייא מיין אלטען פאטער גערויבט זיין קינד, בייא מיין מוטער איהר אנדענקען, דען אהן אייזיקעל איז מיין וועלט אונטער-געגאנגען, מיין ליבט אויסגעלאשען, איהר רויבט מיר מיין לעבען עפענטליך אין מיטען העלען טאג, געהט איהר נאך מיט יושר? (נעמט אין דער האנד דאס געלד) דעם פרייז האט איהר בעשטימט פאר מיין גערויבטעס הערץ און ערמארדעטעס לעבען? אונמענשען וואס איהר זענט, איהר רויבט בייא מיר איין שאטץ און בעצאהלט מיר מיט 500 גולדען? פערמאגט איהר דען אין אייער פערמעגען אזא רייכטהום אום מיר צו בעצאהלען? חה חה! וועהט! וועהט וואס דאס איז בייא מיר. (צערייסט דאס געלד. פויזע) שוין, איך האב שוין מיין לאהן ערהאלטען, מיט דעם געלד האט איהר אייער זוהן צוריק געקויפט, איהם בין איך מוחל, אבער פון אייך זאל מיין טויטע מוטער דארט אין הימעל פאדערען ראכע, נקמה פאר איהר אומגליקליכע עלענדע יתומה!!

הערצעלע: שווייג דיא אויסגעלאסענע, דיא מרשעת, דוא וועסט קיינעס נישט מעהר פערדרעהען קיין קאפף, אייזיקעל קען דיך שוין צו גוט, פאלג מיך נעהם דיר דאס געלד און געה דיר פון דאנען, איידער אייזיקעל וועט אריין קומען, געה, געה דיר פון דאנען, ארוים!

(אויפטריט אייזיקעל)

טאבערע: אייזיקעל שיטצע מיך.

אייזיקעל: פארט פון מיר, דוא וואגסט נאך צו מיר צו צוגעהן, פארט פון מיר דוא מערדערין, דוא האסט מיר מיין לעבען גערויבט, מיין פערשטאנד פערמישט, פאר וואס? ווייל איך בין ר׳ הערצעלע מיהלשטיינס בן יחיד? דאס גאלדענע קאלב איז דיר געפעלען?

טאבעלע: אייזיקעל!...

אייזיקעל: שווייג! ערוועהן נישט מעהר מיין נאמען אויף דיינע אונריינע טרפה׳נע ליפען, דיא ליפען וואס האבען מיט שקר מיט בעטרוג מיין

גאנץ לעבען בעדעקט, נאט זאל דיך אזוי פערשעהמען און צו בושות ברענגען וויא דוא האסט מיין נאמען געשענדעט... פארט פון היער, איך וויל מיט דיר אונטער איין דאך נישט זיין, פאטער שיטצע מיך פאר דער פאלשע קאטץ און בעזע ווילדע שלאנג, פארט איהר עלענדעס גראבעס געזינדעל. פאטער! (אומארמונג)

טאבעלע: פאטער! (פאלט אויף יעקעלס ארעם)

(פ א ר ה א נ ג).

(ענדע דעם צווייטען אקטעס).

III. אַקְט

(צימער ביים יעקעלען וויא אים ערשטען, יעקעל זיצט ביים טישעל).

יעקעל: גָאט זַייא דַאנְק זִיא אִיז אַבִּיסֶעל אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ אַז זִיא שְׁלָאפְט, שְׁלָאפְט זִיא דֶען? נוּר זִיא וַויינְט אוֹיסֶען שְׁלָאף, אַ תָּל הָאט מֶען מִיר גֶעמַאכְט פוּן מַיין אֵיינְצִיג קִינְד, זִיא הָאט שׁוֹין נֶעבִּיךְ קַיין כֹּחַ אוֹיף אִיהְרֶע פִּים אַרוּם צוּ גֶעהְן, אוּנ דָא אִיז זִיא יֶעצְט מַיין גַאנְצֶע שְׁטִיצֶע, אִיהְר שְׁטִיקֶען אוּנ נֶעהֶען אִיז מַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה, יֶעדֶעס שְׁטִיקֶעל אַרְבַּייט אִיז אוֹיסְגֶעוַוייקְט מִיט שְׁוַויים פוּן אִיהְרֶע קְרֶעפְטֶע, נַאס בֶּעוַויינְט פוּן אִיהְרֶע טְרֶעהְרֶען, בַּייא נַאכְט לָאזֶען זִיא אִיהְרֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע חֲלוֹמוֹת נִיט שְׁלָאפֶען, בַּייא טָאג טְרִיקֶענֶען נִיט אִיהְרֶע אוֹיגֶען פוּן טְרֶעהְרֶען, אִיךְ הָאבּ נָאר מוֹרָא זִיא זָאל חָלִילָה נִישְׁט פוּן דֶעם זִינֶען אַרָאבּ, רבש"ע, אֶפְשַׁר אִיז מַיין קִינְד חָלִילָה עֶפִּים בֶּעשֶׁעהְרְט, נֶעהְם מִיךְ פַּאר אִיהְר, זִיא אִיז יוּנְג אוּנ שֶׁעהְן, הָאט נָאךְ אַ הָאפְנוּנְג צוּ לֶעבֶּען אוּנ גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין, אָבֶּער אִיךְ? וָואס טוֹיג אִיךְ נָאךְ שִׁבְרֵי כֵּלִי? וָואס דְרֶעה אִיךְ מִיךְ נָאךְ אַרוּם אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַתֹּהוּ?

(אויפטריט ליבקע)

ליבקע: יֶעקֶעל, דוּא בִּיזְט דָא יֶעקֶעל?

יעקעל: שְׁשְׁשְׁ... לָאז זַיין אַבִּיסֶעל שְׁטִילֶער זִיא אִיז קוֹים אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען!

ליבקע: וֶוער שְׁרַייט דֶען? יֶעקֶעל דַאכְט זִיךְ מִיר דוּא וֶוערְסְט מְשׁוּגָע, הַא? וֶועהְסְט אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט אַ וַוייבּ; נוּא הֶערְט מֶענְשֶׁען צִי אִיז דָאס נִישְׁט צוּם לַאכֶען, פְלוּצִים פַאלְט אַיין אַ מוֹיד אַייזִיקְלֶען פַאר אַ חָתָן, ר' הֶערְצֶעלֶע מִיהְלְשְׁטֵיינְס בֶּן יָחִיד, וַוייסְט אִיהְר דֶען וֶוער דֶער ר' הֶערְצֶעלֶע אִיז? דֶער גְרֶעסְטֶער מְיוּחָס, רֹאשׁ הַקָהָל, גַבַּאי אִין שׁוּהְל, נָשִׂיא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פַּרְנֵס חוֹדֶשׁ, אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ תָּמִיד גֶעשְׁרִיגֶען שִׁיק זִיא אַוֶועק צוּ אַלְדֶע שְׁוַוארְצֶע יָאהְר דִיעֶנֶען, וָואס וָואלְט אוּנְז אִיצְט גֶעוֶוען גֶעפֶעהְלְט? אוּנ טַאקִי זִיא אַלֵיין וָואלְט אוֹיךְ נִיט גֶעוֶוען

גֶעלִיטֶען, נַיין! אִיז עֶר מִיךְ בֶּעפַאלֶען וִויא אַ מְשׁוּגֶענֶער הוּנְד, וָוארוּם אִיךְ בִּין דָאךְ אַ שְׁטִיעפְמַאמֶע, אוּנ וָואס אַ שְׁטִיעפְמַאמֶע זָאגְט מַיינְט זִיא דָאךְ אַלְדִינְג צוּם שְׁלֶעכְטֶען.

יעקעל: לִיבְּקֶע וָואס וִוילְסְט דוּא פוּן מִיר? אִיז וֶועניג וָואס שְׁוַואכֶערְהַייט הָארֶעוֶועט זִיא נֶעבִּיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אוּנ בִּיטֶער אוּנ הַאלְט אוּנְז אוֹיס, אוּנ לָאזְט אוּנְז אַפִילוּ נִישְׁט פִיהְלֶען אַז זִיא אַרְבֵּייט פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגֶען, דוּא וָואלְסְט דָאךְ בֶּעדַארְפְט צוּ וַואשֶׁען אִיהְרֶע פִּים אוּנ טְרִינְקֶען דָאס וַואסֶער, עֶקְסְט דוּא אִיהְר נָאךְ צוּם אִיבְּרִינֶען אִיהְרֶע יָאהְר?

ליבקע: וֶוער וָואלְט דֶען בֶּעדַארְפְט אִיהְר אַרְבֵּייט? אוֹיף תִּשְׁעָה נַיינְצִיג כַּפָּרוֹת, דוּרְךְ וֶועמֶען אִיז דֶען דָאס גַאנְצֶע אוּמְגְלִיק גֶעקוּמֶען, וֶוען נִישְׁט דוּרְךְ אִיהְר?

יעקעל: לִיבְּקֶע אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַייא פָארְט שְׁטִיל, זִיא אִיז קוֹים אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען.

ליבקע: וֶוער שְׁרַייט דֶען?... אִיךְ וִויל נָאר אֵיינְס, זָאלְסְט מַאכֶען אַיין עֶק, אִיךְ וִויל נִישְׁט אִיהְר הָארֶעוֶוען, יָאג זִיא אַוֶועק, אָדֶער פִיהְר זִיא אַוֶועק אִין מְשׁוּגָענֶעם הוֹיז אַרַיין, אוּנ דוּא זָאלְסְט אַרִיבֶּער גֶעהְן צוּ ר' הֶערְצֶעלֶע אוּנ אִיהְם פַאלֶען צוּ דִיא פִּים אוּנ אִיבֶּערְבֶּעטֶען אוּנ......

יעקעל: וָואס? אִיךְ זָאל גֶעהְן בֶּעטֶען דֶעם עוֹבֵר יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל מִיר גֶעבֶּען פַּרְנָסָה? עֶר אִיז נִישְׁט מַיין גָאט, אוּנ וֶוען אִיךְ זַייס מַיין נְשָׁמָה זָאל מִיר אוֹיסְגֶעהְן פַאר אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אוּנ אִיךְ דַארְף מִיךְ אַוֶועקְלָאזֶען אִין דֶער וֶועלְט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלֶען מַיין הַאנְד צוּ פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען נָאךְ נְדָבוֹת, אוּנ זַיין טְרֵפָה'נֶע צוּרָה וִויל אִיךְ מֶעהְר נִישְׁט אָנְקוּקֶען, אִיבֶּערְהוֹיפְּט מַיין גָאט לֶעבְּט נָאךְ אִין הִימֶעל אַזוֹי גוּט וִויא זַיינֶער.

ליבקע: נוּא וַוייל אִיךְ זָאלְסְט מִיךְ גֶט'ען, אִיךְ וִויל מִיט אַייךְ נִיט שְׁטַארְבֶּען פַאר הוּנְגֶער, פֵּגֶר'ט אַייךְ אַלֵיין, הֶערְסְט דוּא יֶעקֶעל, נָאךְ הַיינְט וִויל אִיךְ גֶט, אִיךְ גֶעה מִיר צוּזַאמֶען נֶעהְמֶען אַלֶע מַיינֶע זַאכֶען, אוּנ נָאךְ הַיינְט זָאלְסְט דוּא מִיךְ גֶט'עֶן.

יעקעל: וֶועהְסְט דוּא דָאס פַאר אַלֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא דוּא זָאלְסְט חֲרָטָה הָאבֶּען בִּיז צוּם רָב, וַוייסְט דוּא וָואס, גֶעהֶען מִיר צוּם מַגִּיד, עֶר מַאכְט עָס אַיינְס, צְוַוייא.

ליבקע: אִיךְ וֶועל מִיר שׁוֹין צוּזַאמֶענְפַּאקֶען מַיינְס אַלְסְדִינְג, אוּנ אַזוֹי וִויא

עס ווערט נאר טאג געהען מיר זיך גט׳ען און פגר׳ט אייך אליין פאר הונגער. (אב)

יעקעל: צרות איבער צרות האט מיר גאט אנגעשיקט, אוי רבש״ע!

אויפטריט מיכל.

מיכל: א גוטען אווענד ר׳ יעקעל!

יעקעל: א גוט יאהר, ברוך הבא ר׳ מיכל, עפים א גרויסער כבוד, וועמען זעה איך ביי מיר אין שטוב, ר׳ מיכל שדכן?

מיכל: וואס פרעגט איהר, עס זאל אייך טאקי מאכען כבוד אז ר׳ מיכל שדכן קומט צו אייך, ווארען איהר ווייסט דאך אז מיכל שדכן קומט נור אין די גרעסטע הייזער, נור אזוי וויא איך בין דאך עפים א שטיקעל שטאדט-שמש אויך, און אזוי וויא פערשטעהט איהר מיך הרב הנגיד מה״ר ר׳ הערצעלע מיוחס מאכט היינט חתונה מיט הרב הצדיק דפה האט ער מיר געגעבען א בעפעהל איך זאל דאס גאנצע שטעדטעל צונויף רופען אויפ׳ן בעדעקענס, נישט מאכען קיין חולק פון גרוים ביז קליין, פון ארים ביז רייך, דערפאר בין איך אייך גע- קומען בעטען איהר זאלט אויך געהן ווארען עס וועט באלד שפעט.

יעקעל: אייך א שיינעם דאנק ר׳ מיכל, נור איהר האט א טעות, דאס גאנצע שטעדטעל האט ער אייך טאקי געהייסען בעטען, נור מיך האט ער א ודאי נישט געבעטען.

מיכל: יאה יאה, ער האט מיר אויסדריקליך געזאגט איך זאל צו אייך אריבער געהן און אייך בעטען צום בעדעקענס, וואס מיינט איהר אז ר׳ הערצעלע איז עפים א פראסטער מענש? ער האט אייך שוין לאנג אלסדינג מוחל געווען און איה״ש תיכף נאך דער חתונה וועל איך ביי איהם פועלען אז...

יעקעל: מוחל, מוחל! נור זאגט ר׳ הערצעלע אז איך האב איהם גע- האלטען פאר א קלוגען מענשען, ער שיקט מיר זאגען אז היינט איז ביי זיין זוהן די חתונה, דאס הייסט מיר צו שיטען זאלץ אויף מיינע וואונדען, זאגט איהם אז איך בין טאקי א גראבער יונג אבער איך גלויב אין גאט טאקי נישט מעהר ווי א גראבער יונג אזוי וויא מיין טאטע האט מיך געלערנט אז עס איז דא א גאט וואס ווארט לאנג און צאהלט גוט. זאגט איהם אז זיין ווייב ריזעלע טאנצט שוין אויף

אייזיקעלס חופה אבער אין די זאקען, און ער אליין ווייסט אויך נישט וואס מארגען וועט זיין.

מיכל: לויט אייערע דיבורים פערשטעה איך אז איהר ווילט אויף דער חתונה נישט געהן, נור אלס איינס בין איך דאך שוין דא, און איהר ווילט עס דאך האלטען פאר א כבוד אז מיכל שדכן איז צו אייך געקומען וועל מיר טאקי רעדען מכח 18 און 13 — מילא אייזיקעל איז דאך טאקי געוועזען שטותים, ווארען וויא קומט דער קרבן צו דעם חורבן? — נאר איך וועל אייך רעדען א גלייכען שידוך אזוי וויא פאר אייך פאסט, ר׳ יעקעל איך וועל אייך געבען א גוטען א וואהלען א פיינעם חתן. פאלגט מיך זייט אייך משדך מיט חיים יואל׳ן...

יעקעל: (וויטהענד) חיים יואל׳ן?... עס איז מיר טאקי א גרויסער כבוד אז מיכל שדכן איז צו מיר געקומען, און מיכל שדכן רעדט מיר א שידוך, נור ווען איך דאנק נישט גאט וואס מיין קינד איז קוים אנשלאפען געווארען און וויל נישט אנמאכען קיין געשריא, וואלט איך אייך אריינגעווארפען א פאר בעל-עגלה׳שע פעטש אז איהר וואלט געוואוסט וואס כבוד הייסט, וויאה אין דער ערד אריין מיט׳ן קאפף צו אלדע שווארצע יאהר, וויאה! (שלאגט איהם מיט׳ן פיס זא לאנג ביז מיכל אב)

(אויפטריט טאבעלע מיט א ליכט).

טאבעלע: טאטע לעבען וויא שפעט וועט יעצט זיין!

יעקעל: עס איז שוין נאך 7,

טאבעלע: איך בין לאנג געשלאפען?

יעקעל: ניין מיין קינד, אפשר א שעה.

טאבעלע: דאס גוטע וויל דאך לאנג נישט דויערען, אך וויא נעמט מען צוריק די שטונדע, וויא זים וויא אנגענעהם דאס איז געוועזען:

יעקעל: פלאנטאזירסט שוין ווידער מיין קינד, זעה נור דוא האסט מיך שוין גרויא און אלט געמאכט, דוא נעמסט דיר דאס לעבען און דערמיט ערמארדעסטו דיין אלטען טאטען.

טאבעלע: ניין פאטער, איך פאנטאזיר נים, הער אוים וואס איך האב אלץ אין דער איינער שטונדע געזעהן, עס האט זיך מיר אויסגעדאכט עס איז א ווינטער נאכט, אין דרויסען איז שרעקליך קאלט, דער שנעע

האט קלאהר געמאכט די שווארצע ערד, דער פראסט נעמט דורך יעדען מענשען מיט א פוילער קעלט. איך בין מיר געזעסען ביי דער מאשין אונ גענעהט, איז אנגעקומען מיין מוהמע אונ געשריגען צו מיר „ויא לאנג וועלען מיר נאך ליידען דורך דיר, וויא לאנג וועלען מיר דורך דיר הונגערען“. זיא האט מיך געזידעלט געשאלטען אונ מיט א געשרייא איז זיא ארוים פון דער שטוב. דיענען זאל זיא נעהן אונ מיך וויל זיא דא אין שטוב נישט האבען. איך בין מיר געבליבען אליין אונ געטראכט, מעגליך וואלט איך רעכט געוועזען איך זאל אוועק פון דער היים, פון דער שטאדט, נישט צו זעהן די צרות ~~חיות ביים~~ ~~חורבן ירושלים~~ אין שטוב מארטערט מיך דער הונגער אונ אויף דער נאס דער טויט. איך וואר שוין וויא פעסט ענטשלאסען נור אוועק — פלוצים איז פאר מיר ערשיענען דאס בילד מיינער מוטער, אונ דיך האט זיא געהאלטען ביי איין האנד אונ מיט די ווערטער האט זיא מיר געזאגט, ניין מיין קינד, טהו דאס נישט דיינען עלענדען פאטער דען דערמיט ברענגסטו איהם פאר א קרבן, ניין האט זיא מיט א צערטליכער שטימע געשריגען, קום מיין קינד אונ זעה דיינע צוקונפט, אונ מיט דער צווייטער האנד האט זיא געעפענט א טהיר אונ געזאגט זעה מיין קינד וואס דארט טהוט זיך, איך בין לאנגזאם צוגעגאנגען אונ הער פאטער וואס איך האב דארט געזעהן (עס הייבט זיך אויף איין בילד סדר נאכט, רייכער זאאל געדעקטער טיש. הערצעלע, אייזיקעל אין קיטעל דאס קינד נעבען איהם, חיים יואל חוה לאה אין דער צווייטער זייט, מוזיק שפיעלט מעלאדראמא, זיא רעד) איין שעהן רייכעם צימער מיט גאלד אונ זילבער דיענערשאפטען. איין סדר איז געוועזען געמאכט, דוא ביזט געזעסען נעבען ר' הערצעלע מיהלשטיין זעהר רייך געקליידעט. אייזיקעל איז געזעסען נעבען מיר, אונ איך האב געהאלטען א קינד אויף די הענד, אייזיקעל האט מען גערופען רב אונ מיך רביצין אונ דאס קינד האט מיר די מוטער געזאגט, דאס איז נישט דיין קינד דאס איז א פרעמדם, דוא ביזט א שטיעפמאמע זיינם דאס איז א יתומ'ל מיין קינד, א יתומ'ל טאר מען ניט דערצערנען, דען גאט איז זיין פאטער אונ מוטער, איך האב דאס קינד צוגעדריקט צו מיין ברוסט אונ עס געקישט אונ געוויינט אונ געשווארען דאס קינד צו ליעבען מעהר וויא מיין איינענם,

דען איך וויים וויא שווער אונ ביטער עס איז דעם עלענדען יתומ'ל — יעצט מיין קינד האט מיר די מוטער די לעצטע ווארטע געזאגט ליידע, שוויינע, אונ האפע (בילד פערשווינדעט) ח ח ח האפען אויף א חלום אונ אויף וועמען? אויף אייזיקעל וואס געהט היינט צו דער חופה! הייטע איז זיין פריידענסטאג, אבער פון מיר ווערט ער געוויס ענטריסען, הייטע איז דער טאג וואס מאכט א שווערע גרענצע צווישען אונז — נוא נעה, געה אין א מזל'דיגער שעה איך וואונש דיר קיין שלעכטם. (וויינט)

יעקעל: קינד מיינם, איינציגע טרויסט, האב רחמנות אויף דיין אלטען טאטען אונ טרייב איהם ניט אין דער ערד אריין ביז ער וועט נישט זעהן דיך פארזארגט. דוא ביזט שוואך איך בעט דיך געה לעג דיך שלאפען, איך געה דיר צורעכט מאכען דאס געלעגער אונ געה שלאפען מיין קינד (אומארמט זיא וויינענד) קינד מיינם מיין טהייערע טרויסט (אבגעהענד) רבש"ע פאר וואס שטראפסט דוא אזוי דעם ארימאן [illegible]אב)

טאבערע: א יתומה בין איך, מיינע מוטער אין קבר, נור דעם אלטען קראנקען טאטען, גאטעניא וויא איז דיין שבועה וואס דוא האסט געשווארען אז דוא ביזט איין אבי יתומים, מיינע מוטער האסטו פון מיר אזוי יונג צוגענומען, איך בין עלענד וויא א שטיין, קיין ברודער קיין שוועסטער, נישט דא פאר וועמען דאס הארץ אויסצו-רעדען, טרעהרען אויסצוגיסען. אך וויא שווער אונ ביטער איז דעם עלענדען יתומה'לע.

אבי יתומים.

I.

אך וויא שלעכט אונ ביטער
איז דעם עלענדען נשמה'לע,
אז עס שטארבט אוועק די מוטער,
אונ מען בלייבט א יתומה'לע.
פרעמדע מענשען רייסען די הויט
גאר אהן רחמנות,

א שטיעפמאמע מאכט דעם טויט,
שלאגט נאר סכנות.
און דוא פארשטעלסט דיר דיינע אויגען,
גוטער שוכן במרומים,
וויא איז דיין שבועה וואס דוא האסט געשווארען (ביסס)
אז דוא ביזט איין אבי יתומים.

II.

מיט קעלט, נויט און הונגער
געהט דאס יתומ'ל ארום,
א יעדער שעצט דאס גרינגער,
וויא דאס קומט אומעדום.
געה נאקעט מעגסט דיך פארקיהלען,
עס וועט דיר גאר ניט שאטען,
נישטא דיא מאמע זאל דאס פיהלען,
זיך פאר דעם קינד אויסבאטען.
אוי מיין מאמען האב איך פארלוירען,
גוטער שוכן במרומים,
וויא איז דיין שבועה וואס דוא האסט געשווארען (ביסס)
אז דוא ביזט איין אבי יתומים.

III.

מיט א געלעגער אהן א קישען
מוז דעם קאפ שפארען אין דער וואנד,
קיין ביסעל געקעכטץ דאס הארץ צו ערפרישען,
תמיד צו שפאט און צו שאנד.
אין גרעסטען פראסט זיך דערווארמען,
לאזט איהם קיינער נישט אריין,
נישטא דיא מאמע זאל זיך ערבארמען,
צו זאגען עס זאל מיר פאר דיר זיין.

אוי מיין מאמען האב איך פארלוירען,
גוטער שוכן במרומים,
וויא איז דיין שבועה וואס דוא האסט געשווארען (ביסס)
אז דוא ביזט איין אבי יתומים.

IV.

דערצערענט ניט א יתומה,
האט גאט שטרענג געשריעבען,
דען פאר דעם דיא נקמה,
איז מיר אליין געבליעבען.
דיא טאטע מאמע האב איך ביא מיר
און זעהען צו דעם קינדס טרעהרען,
און וויינען מיט אהן א שיעור,
ביז איך גאט מוז צוהערען.
א יתומ'לס קלאגען געהט ניט פארלוירען,
פאר מיר שוכן במרומים,
ווייל איך גאט האט איהם צוגעשווארען (ביסס)
אז איך בין איין אבי יתומים.

(זעצט זיך צום טיש נאכדענקענד).

אויפטריט אייזיקעל.

(געהט צו איהר צו ריהרט זיא אן, זיא ערשראקען). מיין גאט וועמען זעה איך? איז דאס ווידער איין טרוים? אדער וויא מיין טאטע זאגט איז פאנטאזיער?

אייזיקעל: טאבעלע!

טאבעלע: וואס ווילסטו יעצט ביא מיר, ביזט געקומען ראכע נעהמען אין מיר? ביזט מיר געקומען דערצעהלען אז דוא געהסט באלד צו דער חופה, איך וויים איך וויים...

אייזיקעל: טאבעלע, איין ווארט הער פון מיר יעצט.

טאבעלע: איין ווארט זאל איך פון דיר הערען? אה איך האב שוין אמאל געהערט פון דיר איין ווארט, און דאס איינע ווארט האט מיר מיין לעבען פערביטערט, מיין וועלט פערוויסט. זאג וואס ווילסטו יעצט פון מיר?

אייזיקער: טאבעלע!

טאבערע: יאה, איך וועל דיר יאה ערלויבען מיט דיינע ליפען צו דערמאנען מיין נאמען טאבעלע.

אייזיקעל: שטיכעל מיך נישט טאבעלע. גלויב מיר איך האב ביז נון געקעמפפט, געמיינט מעגליך וועל איך דיך נאך קענען בעזיצען, טאבעלע צין גאט איז מיין ציינע וויא ווייט איך האב געקעמפפט, מיינע מוטער איז פלעצליך געשטארבען, מיין פאטער דיא פאמיליע, דיא גאנצע שטאדט מאכען מיר פארווירפע אז נור דורך דיעזע שמערצען איז מיינע מוטער געשטארבען. מיין פאטער שרייט צו מיר יעדען טאג, דוא האסט דיין מוטער געטריבען אין קבר, און מיך וועסטו אויך פון דער וועלט טרייבען פאר דער צייט. בערעבען טאבעלע דאס בילד פון מיינער מוטער שוועבט מיר אימער פאר מיינע אויגען און שרייט צו מיר אין טרוים אויך ווען איך בין וואך, דוא, דוא ביזט מיין מלאך המות!

טאבערע: דאס בילד פון דיינער מוטער שטעהט דיר פאר דיינע אויגען וואס דוא האסט זיא נישט ערמארדעט, און מיין בילד וואס דוא ווייסט גאנץ גוט אז נור דוא ביזט מיין מערדער, שטעהט דיר נישט פאר דיא אויגען, נוא וואס ווילסטו, נאך וואס ביזטו יעצט אהער געקומען?

אייזיהעל: טאבעלע! יעצט אין דיעזער שטונדע געה איך צו דער חופה, דיא גאנצע וועלט פרייט זיך מיט מיין כלה, אלע הערצער זענען לוסטיג פרעהליך, נור מיין הערץ איז איבערגעצויגען מיט א שווארצער דעק וואס מען דעקט איבער דעם ארון פון א מת — זא וויא אומגליקליכע פאסאזשירע אויף איין דאמפפער אין מיטען שטירמישען מעער וואס דער שיפסקאפיטאן שרייט צו זייא, מיינע ליעבע פאסאזשירע רעטעט אייך שנעל דאס שיף ברענט, און וויא זאל איינעמליך דיא רעטונג זיין? צו אין וואסער צו שפרינגען דיא וועלען זאלען זייא פערשלינגען מיט זייערע שרעקליכע קולות, צו אין פייער פערברענט צו ווערען אזוי ווערט יעצט מיין קאפף צו שאסען, צו זאל איך געהן געבען חופה וקדושין דער וואס מיין הערץ וויל נישט. צי... (גייסט ערשיינט) טאבעלע ווה מיינע מוטער שרייט צו מיר

מערדער, געה צו דער חופה דען דיין טאטע וועט אויך דורך דיר פון דער וועלט געהן — געה געה מוטער, איך פאלג דיך, איך געה! איך קום אבער באלד צו דיר, וויר זעהען אונז באלד (לאזט זיך לויפען, בילד פערשווינדעט טאבעלע האלט איהם צוריק).

טאבעלע: ניין ניין אייזיקעל דוא זאלסט גאר נישט טהון, נור געה אין א מזל'דיגער שעה צו דער חופה. (וויינט).

אייזיקער: וואס טאבעלע דוא ווינשט מיר גוטס? טאבעלע דוא ביזט מיר מוחל? אה טאבעלע פערצייהע דוא מיר וועל איך ווענינגסטענס בערוהיגט זיין, דען דער געדאנק פלאגט מיך זעהר, אה טאבעלע, בערעבען מיינע טרויריגע לאגע.

טאבעלע: איך זאל דיר מוחל זיין? און דאס ביזטו געקומען יעצט פאר דער חופה? און ווען מיין מויל זאל דיר שוין זאגען איך בין דיר מוחל, קען עס דען דאס הערץ וואס דוא האסט אזוי אהן רחמנות צעבראכען מיינען ערענסט? קען איך דיר מוחל זיין מיין אלטען קראנקען פאטערס יאהרען וואס ווערען דורך דיר געקערצט פון טאג צו טאג? ניין! איך קען ניט זאגען מיט'ן מויל דאס וואס איך מיין נישט מיט'ן הערצען ניין, איך בין דיר נישט מוחל, קיין חן זאלסטו האבען ביי מענשען ווען דוא וועסט דארפען א גמילת חסד, דיין פנים זאל זיין מיט שווארצען בעדעקט, דיין גאנצעס לעבען לאנג וויא דוא האסט מיין פנים פערשווארצט, מיין טאטענס ביטערע עלטער זא' דיך פלאגען ביז אין גרוב, מיין מוטערס קערפער זאל נישט רוהען אין קבר, ביז זיא וועט נישט נעהמען פון דיר ראבע, נקמה...

אייזיקער: האלט איין! אה טאבעלע האב רחמנות, מארטער מיך נישט אזוי, יא דוא ביזט גערעכט, מיט דיינע קללות וועל איך צו דער חופה נישט געהן, אבער צו מיין קבר זאלען זייא מיך בעגלייטען, יאה מארגען זאלען דיינע קללות האבען מקוים געווארען, אדיע טאבעלע, אדיע. (וויל אב טאבעלע פערהאלט איהם)

טאבערע: וואס האסטו געזאגט אייזיקעל? מארגען זאלען מיינע קללות האבען מקוים געווארען, ניין איך וויל עס נישט ערלעבען, גאטעניא ליעבער פאטער אין הימעל, נעהם צוריק דיא קללות וואס איך האב אין מיינער פערצווייפלונג אויסגעשפראכען, ~~און קללות פון א~~

נאהענינער קומען נישט קיין קוים האבען. נעה אייזיקעל, נעה אין א מזל'דינער שעה, עס זאל דיר ניט שלעכטס געשעהן, אין גליק זאלסטו אבלעבען דיינע יאהרען, עושר און כבוד זאל דיר ניט פעהלען, איך בין דיר מוחל, איך בין דיר מוחל, אייזיקעל!

אייזיקעל: טאבעלע! (ביידע אומארמען זיך 3 מאל, ביידע וויינען, אייזיקעל אב).

(אויפטריט יעקעל).

יעקעל: טאבעלע דאכט זיך מיר אז אייזיקעל איז איצט פון דאנען ארויס־געגאנגען, צי געה איך ארום אויף דעם עולם התוהו?

טאבעלע: ניין פאטער עס איז קיין עולם התוהו, ער איז דא געוועזן.

יעקעל: וואס האט ער איצט דא צו טהון?

טאבעלע: ער איז צו מיר געקומען פאר דער חופה מחילה בעטען.

יעקעל: נוא וואס האסטו איהם געזאגט?

טאבעלע: איך האב איהם מוחל געוועזן און געווינשען מז"ט, און איהם נאך מיין ברכה געגעבען.

יעקעל: האסט גאנץ גוט געטהון טאכטער מיינע, דוא האסט איין עדעל הערץ איך בין שטאלץ מיט דיר.

טאבעלע: ...וואס איך האב גוט געטהון מיינען מערדער נוטס צו ווינשען ניין, איך האב חרטה! פאטער שנעל גיב מיר מיין מאנטעל, איך וויל אהין געהן, יעצט שטעהט ער אונטער דער חופה, און מיינע ברכות קלינגען איהם אזוי זאנפט אין די אהרען, ניין איך וויל איהם נישט מוחל זיין, פאטער, איך וועל אהין לויפען, און דארט ביי דער חופה וועל איך איהם פערש... (לאזט זיך לויפען).

פערוואנדלונג

(מען זעהט דעם עולם צוריק פון דער חופה, אייזיקעל מיט רבקהילען אומארמט אין חופה קליידער, מוזיק שפיעלט לוסטיג, מען טאנצט אקעגען, חיים יואל מיט חוה לאה'ן מיט קוויליטשען, טאבעלע שרייט ווילד אויס)

צו שפעט צו שפעט, פאטער! (פאלט אונמעכטיג).

(פ א ר ה א נ ג).

(ענדע דעם דריטען אקטעס).

(8 יאהר שפעטער)

IV. אקט

(שטראססע, חוה לאה מיט א קויבער צום איינקויפען).

חוה לאה: א מכה יענעם אט א דאס. חוה לאה זאל ווערען איין אלטע מויד, פע! חוה לאה האט שוין ב"ה חתונה געהאט, חוה לאה האט א מאן ביז 120 יאהר, חוה לאה איז א מאמע אויך, חוה לאה איז א בעל־הבית'טע, חוה לאה געהט אויף איינקייפע, הערט א מעשה! מען האט מיר געוואלט צונעהמען דאס וואס גאט האט מיר אנגעצייכענט פון שמי־דריא בראשית, וואס ושע טהוט גאט? ווערט ביז אין 3 יאהר א גאנץ איבערקעהרעניש, פון ר' הערצעלעס פערמעגען איז געווארען א תל, דאס וואסער האט פארשווימען געהילך אפשר פאר 60 טויזענד גולדען, ר' הערצעלע האט באנקראטירט, און אליין איז ער געגאנגען אין זיבענהויז אריין. רייזעלע זיין ווייב האט נישט געוואלט עסען קיין לעקיך מיט טאבעלע, עסט זיא דיא ערד, אייזיקעל איז ארים וויא דיא נאכט, ער לעבט פון קצבה וואס דיא שטאדט גיט נישט האט ער נישט, רבקה'לע זיין ווייב איז [illegible] ווייא האט דיא [illegible]. גליקליך איז זיך נאך אויסגעגאנגען מיין חיים יואל, אזוי וויא ער האט דערזעהן דאס גאנצע סדום איבערקעהרעניש, האט ער נישט געמאכט קיין לאנגע געשעפטען, און איז געקומען צו לויפען פער־סאפעט פערשוויצט דערהיצט מיט א געשרייא חוה לאה קום חתונה האבען א דא האב איך מיך שוין געמאכט או איך וויל נישט, האט ער אבער געגעבען א געשרייא, חוה לאה איך שטארב, חוה לאה איך ווער משוגע, חוה לאה איך געה אין זיבענהויז אריין, האב איך שוין אויף איהם רחמנות געהאט און איהם צוליעב געטהון, וואס דען האב איך געוואלט טהון? איהם צולאזען איין אנדערער? א מכה יענעם אט א דאס — עה איך בין שוין נישט דיא זעלבע חוה לאה וואס אמאל, קוקט נישט אויף מיין פרייטאגדיגען הולך. וויא אזוי דען זאל א יודישע

טאכטער נעהן פרייטאג! א קליינינקייט וואס פרייטאג איז דא צו טהון, קומט אבער נאר [redacted] מארגען שבת צו מיר, וועט איהר מיך מעגען הערצען, אונ מיר זאגען ר׳ חוה לאה א גוט שבר

№ 3

דער פרייטאגדיגער טאג
איז א צרה, א פלאג,
דאס ווייסט דאך א יעדער,
א טשאד א רויך — מען ארבייט מיט׳ן כח,
דער קאפף א געוואלד גערהט אויף רעדער,
חלה באקען — קייליכער האקען,
פיש אבשאבען — בולבעניק מאכען,
קנעטען, וואלגערען, שניידען לאקשען, קאכען,
א ראסעל מוז מען האבען,
צו דעם טשולענד בולבעס שאבען,
נישט פערגעסען דיא יויך צו שאמען,
אין זיינען האבען ציממעס, פלאמען,
קוילישש פלעבטען מוז געראטהען,
קעלבערן פלייש מוז זיין געבראטען,
אויף דיא ארבים מוזען זיידען,
איין אלטער מנהג בייא אונז יודען —
אונ דאך מיינע ליעבע דארפט איהר אייך ניט זארגען,
באלד נאך דעם קינעל מארגען
דאס קעפעלע אויסגעצוואגען,
נישטא דאס קלייד מיט דיא שקראבעס,
אונ איהר מעגט מיר אלע זאגען
חוה לאה גוט שבת.

פון נאנץ פריה — זעצט מען זיך ניט צו
אביסעלע אבצורוהען,
אומעדום צו לויפען — אלסדרינג צו קויפען,
א חוץ אין שטוב צו טהון,

וואשען מוז מען ריין דיא דיעלען
אונ דערצו דיא קישקע פילען,
א פוס א דיקען — טשאלענט פערדריקען,
מילך אבוועלען — קאווע אויפשטעלען,
רייבען חריין — דאס מוז זיין,
א פעטען מאגען — בארשט אונטערשלאגען,
אונ דערצו — א גוטען קניש,
אייער קיכלעך טאר ניט פעהלען,
א הייסען צוואנג מוז מען אויפשטעלען,
ציבעלעס מיט שמאלץ — אונ פעטע גרויוען,
אונ נאך מיטאג זיסע רייבען,
אונ דאך מיינע ליעבע דארפט איהר אייך ניט זארגען,
באלד נאך דעם קינעל מארגען
דאס קעפעלע אויסגעצוואגען,
נישטא דאס קלייד מיט דיא שקראבעס,
אונ איהר מעגט מיר אלע זאגען
חוה לאה גוט שבת. (טאנצט)

(אויפטריט חיים יואל מיט א קויבער)

חיים יואל: חוה לאה וואס איז דאס? ביזט משוגע געווארען, אין מיטען דער נאס שטעלט מען זיך טאנצען?

חוה לאה: וואס זענען מיר שולדיג? אז דיא פערפאסערס הייסען אונז טאנצען אויף דעם דאך, מוזען מיר טאנצען אויף דעם דאך.

חיים יואל: האסט רעכט, זאג נאר חוה לאה וואוהין געהסט דוא?

חוה לאה: איך גיה אויף איינקויפען, וואוהין געהסט דוא חיים יואל?

חיים יואל: איך גיה אויך אויף איינקויפען, איך האב געקויפט א שטיקעל פלייש, א חלה, א פעטרישקע פאר אייזיקעלם וועגען, עס איז דאך נעביך א רחמנות, מען נעהט דאך פשוט אוים פאר א שטיקעל ברויט, אונ דא איז נעביך רבקה׳לע אזוי קראנק אז דער דאקטאר האט געזאגט אז זיא וועט טא טא אנטשלאפען ווערען וויא א הינדעל.

חוה לאה: נוא חיים יואל טהוט דיר עפים באנג וואס מיר האבעןביידע

חַתוּנָה גֶעהַאט? וָועהְסט דוּא וָוען אִיךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעוָוען גֶעהְמֶען וָואלְט דִיךְ זִיכֶער גֶעוָוען דֶער רוּחַ גֶענוּמֶען.

חיים יואל: (אפארט) אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר מִיךְ נִישְׁט גֶענוּמֶען — צִי עֶס טְהוּט מִיר יָא בַּאנְג צִי נִישְׁט פֶערְפַאלֶען אִיז עֶס. אַ כְּלַל גֶעה אַהֵיים אוּנ מַאךְ דִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע אִין מִיטֶען דֶער גַאס.

חוה לאה: חַיִים יוֹאֵל אַ קִישׁ. (שטעלט אויף דעם פיסק)

חיים יואל: וָואס אִיז דִיר עֶפִּים אַיינְגֶעפַאלֶען אִין מִיטֶען דֶער גַאס אַ קִישׁ?

חוה לאה: אַז חַוָה לַאָה זָאגְט אַ קִישׁ מוּז זַיין אַ קִישׁ. אוּנ יֶעדֶער זָאל זֶעהְן וִויא דוּא הָאסְט מִיךְ לִיעבּ. (חיים יואל מאכט צו דיא אויגען קישט זיא) אַזוֹי אַז חַוָה לַאָה זָאגְט אַ קִישׁ מוּז זַיין אַ קִישׁ. (אב)

חיים יואל: אִין מִיטֶען דֶער גַאס אַ קִישׁ אוּנ יֶעדֶער זָאל זֶעהְן וִויא לִיעבּ דוּא הָאסְט מִיךְ. אַז אִיךְ טְהוּ אִיהְר אַ קִישׁ פֶערְמַאךְ אִיךְ דִיא אוֹיגֶען אוּנ נֶעהְם מִיר טַאבֶּעלֶען אִין זִינֶען. דַאכְט זִיךְ מִיר אוֹיס אַז אִיךְ קִישׁ טַאבֶּעלֶען. אִיהְר מַיינְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיא לִיעבּ? חַס וְשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ זִיא קֵיין מָאל נִישְׁט לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ הָאבּ זִיא וַוייטֶער נִישְׁט לִיעבּ. נָאר וָואס מֶענְשֶׁען קֶענֶען נִישְׁט. מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט מֶען רֶעדְט דִיר דֶעם שִׁידוּךְ. שְׁרַייבּ תְּנָאִים. הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיעבֶּען תְּנָאִים. נָאךְ דִיא תְּנָאִים הָאבּ אִיךְ זִיא וַוייטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט. נָאר וָואס מֶענְשֶׁען קֶענֶען אַלֶם נִישְׁט. מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ רַייסֶען פַארְמֶעט אַיידֶער פַּאפִּיר. הָאבּ אִיךְ מִיר גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל הַיינְט מַאכֶען אַ חוּפָּה מִיט אַ גְלֶעט. אוּנ מָארְגֶען אַ פַּאטְשׁ מִיט אַ גֶט. אוּנ אַזוֹי אוֹיף כַּטָוות הָאבּ אִיךְ חַתוּנָה גֶעהַאט. נָאךְ דֶער חַתוּנָה פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט זַארַאס פוּן זִיךְ צוּ מַאכֶען לַייטִישׁ גֶעלֶעכְטֶער. הָאבּ אִיךְ אַבִּיסֶעל גֶעוַוארְט. דֶערְוַוייל הָאט זִיא בֶּעקוּמֶען עֶפִּים אַ מֵיחוּשׁ.*) הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט בִּיז דָאס וֶועט פַארְאִיבֶּערְגֶעהְן אוּנ זִיא וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען.

*) אויף פראָווינץ־טעאטער האט מיך א רעזשיסער פערשטאנען אז מיט דעם וואָרט מיחוש, אז חוה לאה ווערט קרים — אינ פארקריפעלט מיר חוה לאה'ן אין דעם אקט. אָבער עס איז נישט וויא ער האט עס אויפגעפאסט, א מיחוש האב איך געמיינט „מעוברת״. המחבר.

פְלוּצִים אִיז אַרוֹיס אַ שָׁלֹשׁ מִיט אַ גֶעשְׁרַייא אָ עָ אַ עָ, אוּנ מִיט דֶעם שָׁלֹשׁ בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען גֶעוָוארֶען אוּנ הַאלְט מִיךְ נָאךְ. אוּנ אַצִינְד אִיז מִיר מַיין קָאפְּף פֶערְשְׁלָאגֶען מִיט מַיינֶע גֶעוֶועזֶענֶע בַּעֲלֵי-בָּתִּים... אָנֶע טָאוֶוע חַיִים יוֹאֵל בִּיזְט אוֹיף צִיפֶּקֶע צָרוֹת. (אב)

פערוואנדלונג

(בייא איזיקעל איין אָרים צימער מיט איין אויוען, אייזיקעל זיצט אונ ווארמט זיך. רבקה'לע ליעגט אין בעט קראנק, הערצעלע זיצט נעבען איהר אין זיכען-קליידער טרויריג, פויזע).

אייזיקעל: אִין שְׁטוּבּ אִיז קַאלְט. מִיט 4 שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ דוּרְכְגֶעוָוארְפֶען דֶעם אוֹיוֶוען.

הערצעלע: שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ'ס וֶוערְטֶער „וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת הַמֵתִים שֶׁכְּבָר מֵתוּ מִן הַחַיִים אֲשֶׁר הֵמָה חַיִים עֲדֶנָה״ אִיךְ בֶּענֵיידֶע מֶעהְר דִיא וָואס וֶוענֶען שׁוֹין לֶענְגְסְט גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן דִיא וָואס לֶעבֶּען נָאךְ, וִויא בֶּענֵיידֶע אִיךְ דִיךְ מַיין טְהַייעֶר וַוייבּ. וָואס דוּא בִּיזְט שׁוֹין דַיינְס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, לִיעגְסְט דִיר רוּהִיג, וֶועהְסְט נִישְׁט דִיא אַלֶע צָרוֹת וָואס וֶוענֶען אוֹיף אוּנְז גֶעקוּמֶען, דוּא וֶועהְסְט נִישְׁט דַיין מַאן אִין זִיבֶען קְלֵיידֶער וָואס גֶעלוֹיבְּט אִיז הַשי״ת דֶערְפַאר, דוּא וֶועהְסְט נִישְׁט דַיין קִינְד דַיין בֵּן יָחִיד קְרֶעכְצֶען וֶוען דָאס הֶערְץ נָאגְט אִיהְם עֶסֶען, דִיא שְׁנִיר קְרַאנְק גֶעפֶעהְרְלִיךְ קְרַאנְק, — אַךְ פֶערְשָׁאלְטֶען הָאט גֶעזָאלְט וֶוערֶען דֶער טָאג וָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירֶען, אָדֶער וִויא דֶערְלֶעבְּט מֶען שׁוֹין דֶעם טָאג פוּן מַיין טוֹידְט. דָארְט אִין קֶבֶר וֶועל אִיךְ נִישְׁט הֶערֶען דָאס וַויינֶען פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם קִינְד עֶסֶען אוּנ עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ גֶעבֶּען, דָארְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הֶערֶען אוּנ פִיהְלֶען מַיין אוּמְגְלִיק — דָאס וַאסֶער אִיז גְרוֹיס, שְׁטְרָאמֶען יָאגֶען, חְוַאלִים שְׁלָאגֶען, דָאס גֶעהִילְץ וֶוערְט פֶערְשְׁווִימֶען, עֶס מַאכְט אַ תֶל פוּן מַיין פֶערְמֶעגֶען! רוֹיבֶּערְס, גַזְלָנִים, נֶעמְט אַייךְ צוּ מַיינְס, גִיט מִיר וֶוענִיגְסְטֶענְס אָבּ פְרֶעמְדְס, אָרִים גֶעלְד, חַ חַ חַ! אַלֶעס אִיז פֶערְבַּייא, אַיין עֶק פוּן ר׳ הֶערְצֶעלֶע מִיהְלְשְׁטֵיין! נָאר קָאמִיךְ נִישְׁט זִינְדִיגֶען אִיוֹב הַצַדִיק הָאט קְלִיגֶער גֶעזָאגְט „עָרוֹם יָצָאתִי מִבֶּטֶן אִמִי וְעָרוֹם אָשׁוּב — ד׳ נָתַן וַד׳ לָקָח, יְהִי שֵׁם ד׳ מְבוֹרָךְ״.

רבקהלע: שְׁוֶוע־, אַייזִיקֶעל, וִויא וֶוענְט אִיהְר? קוּמְט אַהֶער צוּ מִיר, עֶס אִיז מִיר וֶועהְר שְׁלֶעכְט.

אייזיקעל: נעהם טרינק אביסעלע מילך רבקה׳לע.

רבקהלע: שווער לעבען, אייזיקעל! וואס האט געזאגט דער דאקטאר,
וועהט ער נאך עפים א רפואה פון מיינעט וועגען, צי ניין? וועל איך
נאך זיין א מאמע צו מיין קינד צי ניין? פערלוירען א יונגע נשמה, מיין
וועלט געהט אונטער, מיין ליכט לעשט אויס.

הערצעלע: רבקה לעבען, טאכטער מיינע, רעג דיך נישט אויף, דאס
מאכט דאך דיר ערגער.

אייזיקעל: שרעק דיך נישט מיין טהייער רבקה׳לע, עס וועט דיר מיט
גאטס הילף בעסער ווערען, השי״ת איז א רופא חולים, דער דאקטאר
האט געזאגט אז עס איז נאר אזא מין פיעבער.

רבקהלע: אוי א פיעבער. (צייגט טיכעל מיט בלוט) איך זעה איך פיהל עס,
אז עס איז א פיעבער, אייזיקעל רוף מיר אריין דאס קינד לאמיך מיך
מיט איהם קוויקען, געה ברענג איהם אריין. (אייזיקעל אב) שווער לעבען,
וואס איז דאס וואס טאבעלע איז נאך היינט דא נישט געוועזען? איך
האב מיך דאך נישט מיט וואס צו ערקוויקען, זיא ברענגט דאך מיר
אלדעם גוטס....

(אויפטריט אייזיקעל, קינד)

רבקהלע: קום אהער מיין קינד לאמיך מיך מיט דיר דערקוויקען, וויא
ביזט דוא געוועזען מיין קינד?

קינד: איך בין געוועזען ביי חייטשאלען, דארט איז אזוי ווארם, מאמשיניוא,
פאר וואס איז דארט אזוי ווארם און ביי אונז אזוי קאלט?

רבקהלע: ווייל דארט איז בעסער געהייצט.

קינד: לאז מען ביי אונז אויך בעסער איינהייצען, מאמטשוניוא ווען וועלע
געהט מיט דיין מאמע אויף א חתונה, אז גאט וועט העלפען דוא וועסט
געזונד ווערען, וועסט דוא מיך אויך מיטנעהמען אויף א חתונה?

רבקהלע: הלואי! קינד מיינס לעג דיין קעפעלע אויף מיר גיב אהער דיין
פנימ׳ל לאמיך שמעקען דערצו — קוק גוט מיין קינד אויף דיין מאמע
קוק גוט אן דאס פנים, געדענק גוט איהר געשטאלט, נישט איינמאל
וועסט דוא דאס פנים זוכען, דוא וועסט רופען דעם נאמען מאמע
אבער...

הערצעלע: אבער רבקה׳לע דוא וועסט נאך מיט גאטס הילף לעבען און
געזונד זיין.

רבקהלע: הלואי! אוי עס איז נישטא קיין בעסער דערקוויקעניש וויא
דאס, ווער איז מעהר טרייסט, מעהר נחמה וויא א קינד? (שלאפט איין)

קינד: ויידעניוא איך בין אזוי הונגעריג.

אייזיקעל: נעהם טרינק אביסעלע מילך.

קינד: ניין איך וויל נישט קיין מילך, דיא מאמע וועט נישט האבען וואס
צו טרינקען.

(אויפטריט יוד)

יוד: א גוטען אוונד, דיא חברה נושא לחם האבען אייך געשיקט א ברויט
מיט 2 שיין, האט א גוטע נאכט. (אב)

קינד: ויידעניוא גיב מיר א שטיקעל ברויט. (אייזיקעל גיט איהם, קינד אב)

אייזיקעל: נוא טאטע לעבען געלויבט השי״ת מיר האבען שוין אלסדינג,
עשירות, יחוס, כבוד און געלד, אלעס!

הערצעלע: שנייד נישט מיין פלייש מיין איינציגער אומגליקליכער זוהן,
איך ווייס און פיהל אז איך בין אין אלעמען שולדיג, מיין עקשנות
האט מיך צו דעם אלעמען געבראכט, גלויב מיר מיין טהייערער זוהן
ווען עס זאל מיר נישט פינקען פאר מיינע אויגען דיא שרעקליכע ווערטער
המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא״ וואלט איך מיר שוין
לאנג דאס לעבען גענומען און איין עק געמאכט צו דיא אלע צרות.

אייזיקעל: געדענקסט טאטעניוא מיין שבועה? זאל דיא האנד נישט
קענען קיין ברויט פערדיענען, זאל דיא האנד דארפען קצבה נעהמען,
אט האסט דוא אלעס.

(אויפטריט טאבעלע מיט א קיישעל)

טאבעלע: א גוטען אוונד ר׳ הערצעלע וואס טהוט רבקה׳לע, איז איהר
אביסעל בעסער? וואס האט געזאגט דער דאקטאר? אייזיקעל זונטאג
איה״ש וועט שוין רבקה׳לע קענען פאהרען אין דיא מאלקען, עס וועט
שוין זיין געלד, איך האב געשיקט פערקויפען דאס לאז.

אייזיקעל: וואס פאר א לאז, וויא קומט צו דיר א לאז!

טאבעלע: ווען מיר האבען פערקויפט פערד און וואגען, האב איך מורא
געהאט דאס געלד זאל נישט אהין קומען, האב איך דערפאר געקויפט

אַ טירקישע לאָז און יעצט וויא דער דאָקטאָר האָט געוואָנט אַז רבקה׳לע דאַרף האָבען דיא מאַלקען, האָב איך געשיקט דעם טאַטען ער זאָל עם פערקויפען.

הערצעלע: (ערבליקט דורך דאס פענסטער) אוי וועה נור, עפּים לויפט אַזוי דיין טאַטע אַהער.

טאבעלע: ער מוז זיך פרייען וואָס רבקה׳לע וועט שוין איה״ש קענען פאָהרען אין דיא מאַלקען.

(אויפטריט יעקעל פערספעט).

יעקעל: ר׳ הערצעלע אַ ישועה מיר וועגען געהאָלפען, מיר וועגען גליקליך, אונזער צעטעל האָט געמאַכט דעם אויבערטרעפער איך קום אַזוי אַריין צו דעם יודען פערקויפען דאָס צעטעל גיט ער צו מיר אַ געשרייא, לאָשיק וואָס איהר ווענט, דאָס צעטעל האָט דאָך געטראָפען 60,000 גולדען, אצונד לאָמיר אויפוועקען רבקה׳לע און וויאָה אין דיא מאַלקען.

אייזיקעל: (געהט צו) רבקה׳לע דוא שלאָפסט? וועסט שוין מיט גאָטעס הילף האָבען אַ רפואה, וועסט שוין קענען פאָהרען אין דיא מאַלקען, רבקה׳לע הערסט דיא ישועה איז שוין דאָ, וועה נור אָט איז דאָך טאַבעלע, רבקה׳לע... רבקה׳לע... פאָטער, טאַבעלע קומט נור אַהער... רבקה׳לע... רבקה׳לע... זיא איז טאָדט רבקה׳לע, מיין געטרייע פרויא רבקה׳לע. (פאלט איבער איהר, טאבעלע פאלט נעבען איהר פאטער אונמעכטיג. פאָזיציאָן).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

ענדע דעם 4-טען אַקטעס.

עפילאָג.

(סדר נאכט, גראדע וויא אין בילד. יעקעל הערצעלע אין קיטלען, אייזיקעל טאבעלע אויבען אָן).

טאבעלע: איך חיים נישט וויא דאָס קינד זאָל זיין, חיים יואל איז נאָך נישט דאָ מיט׳ן קינד פון דער שוהל.

(אויפטריט חיים יואל, קינד).

חיים יואל: אַ גוט יו״ט אַ גוט יו״ט! דאָס איז אַ שקוץ דיא גאַנצע חרוסות האָט ער אויפגעגעסען.

קינד: אַ גוט יו״ט דיר טאַטעניאַ, אַ גוט יו״ט דיר מאַמעטשעניאַ, אַ גוט יו״ט דיר ניידעניאַ, אָבער איך קען שוין גוט דיא 4 קשיות, נור עס איז נישט גוט וואָס עס איז נישט דאָ 3 סדר נאַכט, וואָלט איך איין נאַכט געפרעגט דעם טאַטען דיא 4 קשיות, און דיא אַנדערע נאַכט איין ניידען און דיא דריטע נאַכט דעם אַנדערען ניידען.

אייזיקעל: קום מיין קינד וועלען מיר מאַכען קידוש.

קינד: מאַמטשעניאַ איך האָב שוין אַ גוטע עצה, היינט וועל איך פרעגען דעם טאַטען דיא 4 קשיות און מאָרגען וועל איך פרעגען ביידע ניידעם צו 2 קשיות.

חוה לאה: (צו חיים יואל׳ן) און איך וועל דיך פרעגען אַלע 5 קשיות.

אייזיקעל: נוא לאָמיר דערצעהלען יציאת מצרים אָז רוב נסים הפלאת בלילה, ליל זה ליל שמורים.

№ 4.

I.

אין מצרים דעם שווערען גלות
האָבען יודען גענוג געליטען
אַלע מאָל אַנדערע שווערע בהלות
פון זייא זייער פלייש געשניטען

דארט ווארפט מען יודישע קינדער
אין דעם גרויסען טייך ניל
פאטער און מוטער הערט מען ניט
דארט קוילעט מען יודישע קינדער
אהן רחמנות זעהר פיעל
וייל פרעה דארף זיך באדען אין יודיש בלוט
און אין דער היינטיגער נאכט.
האט גאט מכות בכורות געבראכט
גאט אליין האט בעוויזען זיין גבורה
פרעה פאר גרויס שרעק, לאזט דיא יודעליך אוועק
און יודעלע זינגט פרעהליך דיא שירה
דערפאר דארפען מיר יודעליך אלע
לויבען גאט און זינגען שירים
אז רוב נסים הפלאת בלילה
ליל זה ליל שמורים.
(ביס קאהר)

II.

ביי אחשורוש האט המן הרשע,
נאר א גאנץ קלייניגקייט געוואלט.
אויסקוילען אלע יודען אין נישקשה,
פאר 10 טויזענד צענטנער גאלד.
מרדכי ויינט פארגיסט טרעהרען,
טהוט אן א זאק מיט ערד,
ביז גאט האט זיין תפלה געמוזט דערהערען.
און דיא גזרה באלד צערשטערט.
און אין דער היינטיגער נאכט,
האט מען המנ'ען אין קעפיל געמאכט,
ער הענגט שוין אליין אויף דער תלויה,
ישראליק איז פריילעך,
היינט ביי נאכט א מלך,
און דאנקט גאט פאר דער ישועה.

דערפאר דארפען מיר יודעליך אלע
לויבען גאט און זינגען שירים,
אז רוב נסים הפלאת בלילה
ליל זה ליל שמורים.
(ביס קאהר)

חיים יואל: מילא דאס איז נסים פון אמאל, און דערפאר לויבען מיר גאט, אבער דיא נסים פון היינט אז גאט האט אונז געהאלפען מיר האבען דערלעבט צו זעהן ר' הערצעלע צוריק איין עושר און ר' יעקעלע זיין מחותן, איזיקעל הינער רב, טאבעלע רביצען, חיים יואל שמש, און חוה לאה שמשטע, דארפען מיר אריין נעהמען דיא קניידלעך און אב געבען א שבח און זאגען, ווער עס האט קניידלעך אליין איז דיינו, און דערצו ארויס פעסל בארשט איז דיינו, און א קראפ פון א הינדיק, איז דיינו, און געגלאזטע מצות מיט זאלץ-וואסער און אייער איז דיינו. און דערצו א גוט גלעזעל וויין איז דיינו, דערפאר דארפען מיר פרעהליך זיין און שרייען הורא רבש"ע ! דיינו !

(אלע טאנצען).

(פארהאנג).

עגדע.

אין קורצען ערשיינט פֿאן דרוק פֿאָן העררן ריכטער
זיין בעריהמטעס מייסטערווערק

משה חייט אלס געמיינדעראטה

אַלס אויך דאס בעריהמטע היסטאָרישע ווערק

חרם דרבינו גרשם

פאן העררן ריכטער.

דיא נאָטען פֿאן דיא אַללע טעאַטער-שטיק פֿיר וויאָלין
איז צו בעקאָממען בייא העררן :

Adolf Gimpel, Lemberg, Blac[illegible]ka 20.